בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

נצבים וילך תשפ"ג
ראש השנה תשפ"ד
גליון 157

## נעמט מיט דעם רבינ'ס ליכט קיין אומאן פאר

# צדה לדרך



# דער ריינער קוואל

## מְעוֹרֵר זַיין דִי רַחֲמָנוּת

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי שַׁבָּת סְלִיחוֹת, וֶוען עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע טֶעג, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן יָמִים נוֹרָאִים. פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בִּיז יוֹם כִּפּוּר וֶועלְן מִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן סְלִיחוֹת, יֶעדֶעס קִינְד לוֹיט זַיין עֶלְטֶער אוּן צוּשְׁטַאנְד.

וָואס מֵיינְט סְלִיחוֹת? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פֶערְצִיג טֶעג פוּן סְלִיחָה מְחִילָה, וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַ פַארְצֵייאוּנְג אוֹיף דִי זִינְד וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוֹן אִין מִדְבָּר.

אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶפְנְט זַיינֶע הֶענְט פוּן דָאסְנֵיי אוּן נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה פוּן סַיי וֶועמֶען, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אִין וָואסְפַאר אַ מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ אַז אַ אִיד זָאל לֵיידֶער עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן עֲבֵירָה. אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (אוֹת פ"ט) זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז לוֹיט דִי קְדוּשָּׁה וָואס אַ אִיד פַארְמָאגְט, קוּמְט נִישְׁט עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר פוּן דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין גָלוּת, וואוּ מֶען לֵיידְט פוּן דִי גוֹיִם דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי עֲבֵירוֹת קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וֶועלְכֶע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱדוֹם, עֶר רוּפְט זִיךְ "רִאשׁוֹן", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין פָּסוּק וֶוען עֵשָׂו אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, 'וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי', עֵשָׂו אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אִים וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, 'עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה'. אוּן אַזוֹי וֶוערְט לֵיידֶער פֶּעק פוּן עֲבֵירוֹת.

וָואס אִיז דֶער תִּיקוּן דֶערְפַאר? לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז מְקַיֵּים דִי אַלֶע דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, רַחוּם וְחַנּוּן, אֶרֶךְ אַפַּיִם א.א.וו. דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוּן פַארְמֶערְן צוּ טוּן חֶסֶד, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְעוֹרֵר רַחֲמָנוּת אִין הִימְל, אַזוֹי פַאלְן אַרָאפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מְקַטְרְגִים אוּן זֵיי וֶוערְן אוּנְטֶערְדְרִיקְט.

אִין דִי טֶעג זָאגְן מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דֶעם "קֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, מַעֲבִיר 'רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן'," וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דָא אוּנְטְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דִי עֲווֹנוֹת פוּן זַיין פָאלְק, מַעֲבִיר רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן, עֶר פִירְט אַרִיבֶּער [עֶר נֶעמְט אַוֶועק] דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה פוּן יֶעדֶע פֶּעקְל עֲבֵירוֹת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּנֶעם פֶּעקְל גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶוערְט אַ פַארְצֵייאוּנְג.

וֶועט אֵיינֶער זָאגְן: "אִיךְ בִּין לֵיידֶער גָאר שְׁוַואךְ סַיי אִין רוּחָנִיּוּת אוּן אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ פַארְמָאג נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ מַעֲבִיר זַיין אוֹיבְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים?" דֶערְפַאר גְלַייךְ נָאךְ סְלִיחוֹת זָאגְן מִיר "מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד", מִיר זֶענֶען זֵייעֶר אָרֶעם, מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיי דִיר גֶעטְרֵייעֶר פָּאטֶער, מִיט דַיין רַחֲמָנוּת דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים, עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד וְהוֹשִׁיעֵנוּ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – אַזוֹי וִוי מֶען הֵייבְּט אָן דֶער פִּזְמוֹן בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךָ תְּחִלָּה – אוּן בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן שַׁבָּת, זָאל אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְמֶעקְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פַארְבֶּעסֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דִי גֶעבֶּעט "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה, חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, אָמֵן."

# איין אשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## מַיין בַּר מִצְוָה מַתָּנָה

יֶעדער בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל קֶען דֶערְצֵיילְן אַ לַאנְגֶע מְגִלָּה ווי אַזוֹי זַיינֶע הֲכָנוֹת צוּ זַיין בַּר מִצְוָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען, זַיינֶע עֶרְוַוארְטוּנְגֶען, זַיינֶע גֶעפִילְן אַרוּם דֶעם און זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע טֶעג נָאכְן ווערְן דְרַייצְן יָאר. אויךְ אִיךְ קֶען שְׁרַייבְּן מַיין מְגִלָּה און צוּלֵייגְן אַ קַאפִּיטְל וָואס וֵוייניג קֶענֶען זִיךְ פַּארְמֶעסְטְן דֶערְמִיט...

צוּ אַלֶע מַיינֶע הֲכָנוֹת פַאר דֶער גְרוֹיסֶער און הֵיילִיגֶער טָאג הָאבּ אִיךְ אויךְ צוּגֶעלֵייגְט אַ תְּפִלָּה אַז מַיין זֵיידֶע-בַּאבֶּע פוּן חוּץ לָאָרֶץ זָאלְן קֶענֶען זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיט מַיין שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אויךְ מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַז דֶער זֵיידֶע-בַּאבֶּע זָאלְן קוּמֶען פַאר אַ בַּאזוּךְ. ווען דֶער גְרוֹיסֶער טָאג הָאט זִיךְ אַלְץ מֶער דֶערְנֶענְטֶערְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז נִישְׁט נָאר מַיין זֵיידֶע-בַּאבֶּע וֶועלְן קוּמֶען, נָאר אַ פֶעטֶער וֶועט זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט זֵיי. דִי הֶעפְטִיגֶע הֲכָנוֹת זֶענֶען אָנְגֶעגַאנְגֶען אויף הוֹיכֶע טֶענֶער.

אֵיין טָאג פְרֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע אוֹיבּ אִיךְ וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן גְלַייךְ נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה? "זִיכֶער אַזוֹי!" אִיז גֶעקוּמֶען מַיין סְפָּאנְטַאנִישֶׁע עֶנְטְפֶער. אויף אַזַא מַתָּנָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְנְט. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעפְּלַאנְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן און אַזוֹי ווי ס'אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ מַיין תְּפִלִּין לֵייגְן הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען מִיר מִיטְצוּנֶעמֶען.

מַיין בַּר מִצְוָה אִיז אַרִיבֶּער הֶעכֶער אַלֶע עֶרְוַוארְטוּנְגֶען מִיט'ן זֵיידְן בַּיים אוֹיבְּן-אָן. מִיר הָאבְּן זִיךְ וַוארֶעם גֶעזֶעגְנְט און בַּאדַאנְקְט פַארְן בַּאשַׁיינֶען דִי שִׂמְחָה. דִי גֶעסְט זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן און אַפָּאר שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם לוּפְט פֶעלְד קַיין אוּמַאן. ווי אִיבֶּערַאשְׁט זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן צוּ בַּאגֶעגֶענֶען דָארְט בַּיים אוּקְרַיינֶער טֶערְמִינַאל זֵיידֶע-בַּאבֶּע און פֶעטֶער שְׁטֵייעֶן דָארְט אִינְגַאנְצְן פַארְצְוֵוייפְלְט.



לוֹיט אוּנְזֶער חֶשְׁבּוֹן הָאבְּן זֵיי שׁוֹין לַאנְג גֶעדַארְפְט זַיין אִיבֶּער דִי וָואלְקֶענֶעס אויפְן וֶועג אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז מַיין בַּאבֶּע הָאט נָאךְ גֶעוָואלְט צוּפָארְן צוּ אִיר זֵיידְנְ'ס קֶבֶר אויפְן וֶועג צוּם לוּפְט-פֶעלְד און אִינְצְווִישְׁן אִיז גֶעוָוארְן טְרֶעפִיק. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם לוּפְט פֶעלְד הָאט נָאךְ מַיין פֶעטֶער גֶעדַארְפְט צוּרִיקְגֶעבְּן

דִי קַאר וָואס הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶער צַייט וִוי גֶעְרָאכְטְן און אַזוֹי אִיז דִי צַייט אוֹיסְגֶעלָאפְּן בִּיז זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דֶעם פְלִיגֶער. יֶעצְט הָאבְּן זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן נַייעֶ טִיקֶעטְס אָנְצוּקוּמֶען קַיין נְיוּ יָארְק וִוי שְׁנֶעלֶער.

"מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ טִיקֶעט מִיט 'אוּקְרֵיין' קַיין אוּקְרֵיינֶע פַאר אַן אָפְּשְׁטֶעל פוּן דְרֵייסִיג מִינוּט און פוּן דָארְט הָאבְּן מִיר אַ פְלִיגֶער וָואס פָּארְט תֵּכֶף קַיין נְיוּ יָארְק," הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט.

מַיין טַאטֶע הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט דָא. עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז אוּקְרֵיין הָאט נִישְׁט הַיינְט קַיין פְלִיגֶער קַיין נְיוּ יָארְק נָאר אִין אַ טָאג אַרוּם. נָאךְ אַפָּאר מִינוּט אִיז קְלָאר גֶעוָוארְן אַז דֶער אָפְּשְׁטֶעל אִיז נִישְׁט פַאר דְרֵייסִיג מִינוּט נָאר דִי גַאנְצֶע רַייזֶע אַלֶעס אַרוּם גֶעדוֹיעֶרְט דְרֵייסִיג שָׁעָה, דָאס מֵיינְט דִי נְסִיעָה מִיט דִי צְוֵויי פְלִיגֶערְס און אַן אָפְּשְׁטֶעל אִין אוּקְרֵיינֶע פוּן בְּעֶרֶךְ זֶעכְצְן שָׁעָה.

"קוּמְט מִיט אוּנְז קַיין אוּמַאן און פוּן דָארְט קַיין נְיוּ יָארְק," הָאט מַיין טַאטֶע זֵיי פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ פְּלַאן. אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקְלְט דֶערְפוּן זָאגְנְדִיג אַז זֵיי מוּזְן שׁוֹין זַיין צוּרִיק קַיין נְיוּ יָארְק.

הֶערְנְדִיג אִיבֶּער זֵייעֶר טָעוּת הָאבְּן זֵיי נָאךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן אַ טִיקֶעט וָואס וֶועט זֵיי נֶעמֶען שְׁנֶעלֶער קַיין נְיוּ יָארְק אָבֶער ס'אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. דִי פְלִיגֶערְס וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהוֹיבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע שָׁעָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ. זֵיי הָאבְּן שְׁפֶּעקוּלִירְט אַהֶער און אַהִין בִּיז זֵיי הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אוּנְז נָאךְ אַ טָאג און וֶועלְן מִיטְפָארְן קַיין אוּמַאן!!

מַיין טַאטֶע הָאט שְׁנֶעל בַּאשְׁטֶעלְט אַן אַכְסַנְיָה אַיינְצוּשְׁטֵיין און אַ וַוארִימֶע מָאלְצַייט וָואס זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּוַוארְטְן וֶוען מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען. וַיִּסָּעוּ! מֶען אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין וֶועג. אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַלֵיין נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן, מַיין זֵיידֶע-בַּאבֶּע און פֶּעטֶער זֶענֶען אוֹיפְן וֶועג מִיט אוּנְז קַיין אוּמַאן. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְן צְדָקָה, גֶעזָאגְט אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי און מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס גֶעשֶׁעט נִישְׁט יֶעדְן טָאג, אַז דֶער רֶבִּי זָאל אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען אוֹיף דִי הֶענְט. אַנְדֶערֶע וָואס ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין מְנִיעוֹת, שְׁוֶועריגְקֵייטְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דֶער מַתָּנָה פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּי'ן. דָא הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה וָואס וֵויינִיג זֶענֶען זוֹכֶה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, זַייט מִתְפַּלֵל פַאר אַייעֶרֶע נָאנְטֶע און אַנְדֶערֶע פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּם גֶעוַואלְדִיגְן מַתָּנָה. מְ'קֶען קַיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶס וֶועט גֶעווִינֶען דִי 'לָאטֶערִי'...



# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע"ה



**הֶמְשֵׁךְ, ר' לוי יצחק בענדער האט געטראפן א גוטער באגלייטער אויפן וועג**

## חודש אלול אין אומאן

קיין עקסטערע גרויסע רצונות און כסופים האט רבי לוי יצחק נאך דעמאלטס נישט פארמאגט, אבער פון הימל האט מען אים געפירט פונעם ווייטן פוילן ביז צו זיין ענדגילטיגע רייזע. ווי ער זעלבסט פלעגט דאס שילדערן: "דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט - ס'איז פאראן אמאל איינער וואס האט נישט קיין הארץ, ער האט נישט קיין רצון, ביי מיר איז אזוי געווען! מיין פארן ביי מיר איז געווען עפעס גראד פון הימל, איך האב גארנישט געהאט אזא מין תשוקה - איך זאל זיך מוסר נפש זיין!... פון הימל האט מען מיר געשטופט!"

אנקומענדיג קיין אומאן האט ער שוין געפינען עטליכע פון זיינע חברים מיט וועלכע ער האט געלערנט אין ישיבה, א שטייגער ווי רבי ישראל כהן און רבי משה טשענסטכאווער.

די אנדערע עלטערע חסידים וועלכע זענען געקומען צום הייליגן קבוץ זענען נאכנישט אנגעקומען אזוי פרי אינעם חודש, אבער אין די קורצע פאר וואכן האט רבי לוי יצחק אנגעיאגט זיך צו טיילווייז באקענען מיט די חסידים וואס האבן געוואוינט א גאנץ יאר אין אומאן, א שטייגער ווי רבי שמשון בארסקי ז"ל און נאך פילע אנדערע.

דער חדש אלול האט פיל געווירקט אויף רבי לוי יצחק זיך באקענענדיג מיט די עלטערע חסידים, און מיטהאלטנדיג פונדערנאנט די עבודות וואס זענען אנגעגאנגען דורכאויס דער חדש, די בכיות און תפלות וואס זענען אפגעראכטן געווארןביים ציון, ארייננגערעכנט די עבודה פון חצות, די דערהויבענע תפלות וועלכע זענען געדאווענט געווארן, די שעורים און שמועסן מיט די העכערע חסידים וועלכע האבן בלויז געאטעמט דעם הייליגן רבי'ן פיר-און-צוואנציג שעה א מעת לעת.

## מען דארף וואוינען אין ארץ ישראל און פארן קיין אומאן

טיפער אריין אינעם חודש, בערך ט"ו אלול, איז אנגעקומען דער גרויסער חסיד רבי אברהם ב"ר נחמן. רבי אברהם איז געפארן וואוינען אין ארץ ישראל אין יאר תרנ"ד, אלט-זייענדיג פינעף-און-פערציג יאר. דורכאויס די קומענדיגע צוואנציג יאר איז ער יאר יערליך געקומען צו פארן דעם לאנגן אויסגעמאטערטע וועג פון ארץ ישראל קיין אומאן, רייזענדיג איבער ימ'ען און קאנטינענטן.

רבי אברהם איז געווען א שוואכער מענטש, זייענדיג נישט געזונט און גלייכצייטיג נישט פארמאגט קיין איבריגע פיאסטער אין טייסטער, אבער מיט אן אומגלויבליכער מסירות נפש האט ער פאר גאנצע צוואנציג יאר אונטערגענומען דורכצומאכן דעם שווערן רייזע, פארלאזנדיג ארץ ישראל אנהייב זומער קיין פוילן ווי ער איז אריבער געפארן איבער פילע שטעט, אויפפלאקערנדיג אידן צום אייבערשטן און זיי דערציילן איבער די גרויסקייט פונעם רבי'ן און איבער זיינע תורות, ביז ער האט דערגרייכט דעם עיר הגעגועים, אומאן. אט דאס אלעס איז אזוי אנגעגאנגען ביז צום יאר תרע"ה. דאן האט אבער אויסגעבראכן

די ערשטע וועלט קריג, וועלכע האט אים נישט ערלויבט זיך אומצוקערן קיין ארה"ק, ער איז שוין פארבליבן אין אומאן ביז צו זיין פטירה ערב ראש חודש טבת תרע"ח, ווערנדיג באערדיגט אינעם נייעם בית החיים אין אומאן.

רבי לוי יצחק האט נאך דאן נישט געקענט רבי אברהם, אבער דאך האט ער אינאכט געוומען די געוואלדיגע הערצה וואס אלע האבן געהאט צו אים, און די גרויסע שמחה וואס האט זיך אפגעטוען ווען רבי ארבהם איז ענדליך אנגעקומען, נאכן אפרייזן דעם לאנגן רייזע פון ארה"ק.

אן אינטערסאנטער נקודה האט רבי לוי יצחק באמערקט ביי רבי אברהם'ן, ווי ער האט געהאט א פונקטליכער חשבון איבער יעדעס איינציגסטער חסיד וואס איז געקומען צום קיבוץ אויף ראש השנה, און האט יעדעם אויפגענומען מיט א פרעזענליכע 'שלום עליכם' ווי כאילו בלויז אויף אים האט ער ארויסגעווארט, און בלויז אים צו זען האט זיך שוין אויסגעצאלט זיין גאנצער נסיעה ביז צום וייטן אומאן.

אין איינס פון די טעג איז אנגעקומען אן עלטערער אידל, מיט א זעקל אויפן פלייצע, אינהאלטנדיג זיין גאנצע האב און גוטס – ווי די טלית און תפילין און א בלויזער העמד זיך צו קענען איבערטוישן לכבוד יום טוב –און ווען רבי אברהם האט אים באמערקט איז ער גלייך אויפגעשפרינגען צו אים, "ווי זענט איר געווען פאריאר", איז רבי אברהם געווען פאר'דאגה'ט.

דער איד, וועם דער מערהייט פון חסידים האבן אים ניטאמאל געקענט, איז געווארן פארלוירן און אים געענטפערט א אורזאך פארוואס ער האט זיך נישט געקענט באטייליגן פאריאר ביים קיבוץ. אבער רבי אברהם האט נישט נאכגעלאזט, און האט אים פארגעהאלטן זאגנדיג אז "דאס איז אן אבידה שאינה חוזרת"!.

שפעטער איז רבי רבי לוי יצחק צוגעגאנגען צו רבי אברהם און אים געפרעגט ווער דער איד איז, אויף וואס ער האט אים דערציילט אז ער איז אריגינעל א טירהאוויצע'ר, און וואוינט היינט אין אלכסנדראווקע, דאס שטאט ווי דער רבי האט געוואוינט פאר א צייט-אפשניט זייענדיג סמוך על שולחן חותנו נעבן טשעהרין, און דער איד האט נאך גוט קענען געדענקט רבי נתן אלץ קינד.

# א פריוואטער טשארטער באן...

די באן סטאנציעס איבער אוקראיינע זענען אין די טעג און וואכן פאר ראש השנה איבערגעפולט געווארן מיט הונדערטער ברסלב'ע חסידים, ווען אלע האבן פאר זיך דעם בלויזן ציל: אומאן. מען איז געקומען צו פארן פון די גרעסערע ברסלב'ע-באוואינטע שטעט, א שטייגער ווי ברסלב, טשעהרין, טולטשין, בארדיטשוב און טעפליק, און פון נאך פילע שטעט און דערפער אויסגעשפרייט איבער אוקראיינע, ביז צו די וייטע שטעט אין פוילן.

פון פוילן האט זיך ארויסגעלאזט א ספעציעל אפגעדינגענעם גרויסן וואגאן, דעזיגנירט פאר ברסלב'ע חסידים. די באן האט זיך ארויסגעלאזט פון לובלין – א שטאט ווי פילע ברסלב'ע חסידים פלעגן וואוינען – און פון דארט פארגעזעצט קיין ווארשע, מאכנדיג דעם לאנגן וועג ביז אומאן. מען פלעגט נישט טוישן וואגאנען אינמיטן וועג, נאר דערגרייכנדיג א שייד-וועג ווי די באנען האבן זיך געביטן, האט מען בלויז אפגעטשעפעט דעם וואגאן פונעם פריערדיגן באן און איר צוגעטשעפעט צום נייעם באן.

דאס זענען געווען עטליכע טעג פון התעלות. די וועג האט געדויערט אפאר טעג, און ווי דער שטייגער פון חסידים האט מען עס אויסגעניצט ביז צום קלימאקס. אויפן וועג האט מען אפגעראכטן פייערדיגע תפילות, זיך געפילעוועט איבערן רבי'ן און זיינע תלמידים'ס רייד, ווען פון צייט צו צייט לאזט מען זיך ארויס אין א טענצל, "מי שהיה אצלי על ראש השנה ראוי לו לשמוח כל השנה". דער קאנדוקטער פלעגט נישט אריינגיין דארט, ער האט אפגענומען דעם בילעט דארטן באלד אין ווארשע, צו אין לובלין און פארמאכט דעם וואגאן, און זיי זענען אראפגעגאנגען אין אומאן! דער קאנדוקטער פלעגט נישט וועלן אריינקומען, ער האט שוין געוואוסט, אויב ער איז אריינגעגאנגען איז ער נאטורליך צוגעצויגן געווארן צו די טענץ און די ריקודים מיט זיי צוזאמען!

ווען די סימנים האבן אנגעהויבן צייגן אז אט אט דערגרייכט מען שוין דעם ציהל, האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין א ספאנטאנישן טאנץ, ארומגענומען מיט א העכערע געפיהל איבערן שטאט צו וועלכן מען דערגרייכט, די שטיינער און הייזער קוקן טאקע אויס ענדליך צו די אין פוילן, אבער דא, אונטערן ערד, העכערן בלויען הימל, טוען זיך אפ העכערע זאכן אויף וואס מיר האבן דעם זכיה צונעמען א חלק. עטליכע יונגעלייט פלעגן ארויסלייגן די הענט פונעם פענסטער אין אנהייבן פויקן אויף די ווענט פונעם באן, ווי צו לאזן וויסן פארן צדיק אז יא, אויך דאס יאר זענען מיר געקומען... געווענדליך איז ארויסגעפארן פון טשערין זיבעציג אכציג מענטשן. פון ברסלב איז געווען אן עולם פון זיבן אכט מנינים, פון טעפליק איז געווען זיבן אכט מנינים ס'איז געקומען צופארן הונדערטער אידן.

אין דעם יאר, תרע"ה, בעפאר די גרעניצן

צווישן אוקראיינע און פוילן זענען הערמעטיש פארשלאסן געווארן מיטן אויסברוך פון ערשטן קריג, זענען נאך געווען ביים קיבוץ הק' פילע פון די זקני וחשובי אנ"ש, אריינגערעכנט די גרעסטע ריזן און לייבן פונעם רבי'נס חדר ווי רבי מרדכי סאָקאָלאָווער און רבי יצחק ברייטער (ער איז אויך געווען אין יאר תרע"ט - איידער די גרעניצן מיט פוילן זענען הערמאטיש פארשלאסן געווארן), אזוי אויך, רבי דוד צבי - דער זון פון רבי יצחק בן מוהרנ"ת - און זיין ברודער רבי מיכל'ע. (רבי דוד צבי איז נפטר געווארן תרע"ו, און אויף ראש השנה תרע"ו איז ער שוין נישט געווען. ווידער רבי מיכל'ע איז נאך געווען ביים קיבוץ ביזן יאר תרע"ז, די יאר וואס ער איז אוועק).

## ווי קען זיין אזא מין אהבה?

די אהבה וואס האט געהערשט צווישן די באטייליגטע איז געווען עפעס וועלכע קען נישט געשילדערט ווערן אין בלויזע ווערטער, הויך הילכיגע 'שהחיינו'ס' זענען געמאכט געווארן איינער צום צווייטן, ווען אלע, פון גרויס ביז קליין, יונג און אלט, שפירן דעם גרויסן ווענדפונקט און גלייכער ציל אויף וועלכע מען געפינט זיך דא.

רבי לוי יצחק דערציילט: "איך געדענק דעם ערשטן ר"ה מיינע, פון תרע"ה, האב איך עס געזען וואס דער רבי זאגט )די אהבה( אזא מין אהבה וואס איך האב געזען ביי אונזערע לייט, די גאנצע גאס איז געווען - א טאג פאר ערב ר"ה - פול מיט קארעטעס מיט וואס די וואס זענען אנגעקומען. ס'איז אנגעקומען הונדערטער מענטשן. די אהבה וואס ס'איז געווען! שהחיינו'ס האט מען געמאכט. "איך האב געזען א איד, א בעל צורה, טאנצט און שפרינגט ווי א קליין אינגעלע, מיט א העכערע שמחה אויסגעשפרייט אויפן געזיכט... האב איך געפרעגט איינעם ווער דאס איז, און יענער קוקט מיר אן מיט ברייט צועפענטע אויגן "דער? דאס איז דאך דער סאקאלאווער רב! א איד א גאון!"....

איך געדענק אים ווי ער איז ארום געפאלן אלע מענטשן און זיי געקושט, איך האב געטראכט צו מיר, וואו בין איך דא? וואו זעט מען אזא מין אהבה. וואו זעט מען דאס? די טרערן וואס האט זיך געגאסן פון ליבאשאפט, וואו זעט מען דאס?"

ווען דער טשערינער רב פלעגט קומען ראש השנה פלעגט ער זיך אויסדריקן "איך האב דעם רב איבערגעלאזט אין טשעהרין", מיינענדיג זיך זעלבסט, אז דאס רבנות האט ער איבערגעלאזט אין זיין היים-שטאט טשערין, און יעצט, ביים רבי'ן, איז "בתוך עמי אני יושבת"... גלייך ווי אלע! דאס איז אין די גאנצע וועלט נישטא!"

די אהבה וואס האט געהערשט צווישן די ברסלב'ע חסידים איז געווען אויסערגעוועהנטליך, אבער דער הויכפונקט איז געווען, ראש השנה. דאן, ווען אלע חסידים זענען זיך צוזאמגעקומען פון איבערן וועלט, האט זיך ארויסגעוויזן דאס העכערע אחדות וואס הערשט צווישן אלעמען. רבי לוי יצחק וואס איז דאן געקומען צום ערשטן מאל אין לעבן, איז טיף באאיינדרוקט געווארן פון דעם וואונדערליכן אהבה וואס

האט געהערשט צווישן אונזערע לייט, זיך אויסדריקנדיג מיט זעכציג יאר שפעטער: "דעמאלטס האב איך געזען אז דעם רבי'נס זאך איז עפעס - נישט קיין זאך פון דער וועלט, ס'איז אן עולם הבא'דיגע זאך! ס'איז א גן עדן'דיגע זאך! דעם ערשטן ראש השנה בין איך ארומגעגאנגען אזוי ווי איך בין אין גן עדן! איך בין אין גן עדן! איך בין נישט אין דער וועלט!".

## די גרויסארטיגע הכנות

די הכנות אנצוקומען צום ציון הקדוש האט אריינגענומען אין זיך פילע דעטאלן אין אלע הינזיכטן. אנגעהויבן פון חדשים פריער, פלאנירנדיג וויאזוי בייצוקומען די שווערע וועגן וועלכע פילע האבן געדארפט אונטערנעמען בלויז אנצוקומען מיט זייער גוף ביזן שטאט אומאן, אבער פיל מער האט געהערשט א התעוררות געמישט מיט התחזקות זיך גרייטנדיג רוחניות'דיג צום גרויסן טאג. רבי יצחק דוחובנא פון טעפליק (א פלומעניק פון רבי אלטער טעפליקער, דער פארפאסער פונעם ספר משיבת נפש, זיין מאמע איז געווען זיינס א שוועסטער), פלעגט אנהייבן יערליך זיין סדר אין ליקוטי הלכות שוין פון חמשה עשר באב, ווען דורכאויס די קומענדיגע פערציג טעג טוט ער פארענדיגן דעם גאנצן ליקוטי הלכות, לערנענדיג טעגליך פערציג-פופציג בלעטער מיט א פלייס. בלויז אריינצוקומען אינעם קלויז דורכאויס די וואכן איז געווען גענוג אנצוואווארעמען דעם קאלטסטן מענטש אז "כי בא, כי בא לשפוט את הארץ", אזויווי רבי נתן האט זיך אויסגעדריקט: "אָט קומט ער, אָט קומט ער" אזש א פחד איז געפאלן אויף אלע ארומיגע בשעת ער האט דאס ארויסגעזאגט מיט זיין הייליגן מויל.

## ליל זכור ברית

עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך... און ענדליך, דער גרויסער טאג קומט שוין נענטער צו גיין. די נאכט פון זכור ברית האט זיך אראפגעלאזט איבערן שטאט אומאן, און דאס שטאט איז פארוואנדלט געווארן אין א נייע צורה.

צום נאכט פון זכור ברית האבן דערגרייכט הונדערטער חסידים און דער גאנצער געגנט ארום דעם ציון הק' און די קלויז, האט אנגעהויבן ווירבלען מיט הונדערטער פאראייניגטע חסידים, איינהיילנדיג דעם גאנצן ארום אין א העכערן אטמאספער, א ריינע ארט, א פלאץ ווי אזויפיל הונדערטער מענטשן - אריינרעכענענדיג די מערסט-דערהויבענסטע חסידים און דער זייט פון פשוט'ע אידן - קומען צו מקבל זיין מלא חפניים פונעם צדיק הגדול וועלכע האט געלאזט אנזאגן אלע זיינע חסידים, אז 'איש בל יעדר'... אזויפיל הונדערטער אידן קומען אהער מיטן בלויזן אמונה אינעם צדיק, אז דער רבי האט געהייסן קומען.

ווען די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן איז דאס געדרענג ארום די ציון געווארן וואס א מינוט מער געשטופט. אלע האבן געוואנדן זייערע טריט, איינגעהילט אין טיפע מחשבות וועלכע האט זיך אנגעוויזן אויף די פארקנייטשטע שטערן-צייכנס, אנצייגנדיג אויף די גרויסע יראה וואס הערשט ביי

אלעמען קומענדיג וואס א טריט נענטער צום הייליגן אדמת קודש.

ווען די זייגער האט געוויזן אויף חצות הלילה, איז דאס ציון געווען באלאגערט דורך הונדערטער אידן, און די קולות וואס האט זיך ארויסגעהערט איבערן גאנצן ארום איז געווען הארץ-רייסנד. שפעטער, ווען די אנגעגעבענע צייט פון זכור ברית איז אנגעקומען, האט דער בעל תפילה אינעם גרויסן קלויז, וועלכע איז געשטאנען אויפן אנדערן זייט פונעם בארג אנגעהויבן אשרי יושבי, דאן האבן זיך די קולות פון די צוויי בערג צוזאמגענומען און אינאיינעם געשפאלטן די הימלען ארויפגייענדיג גראד ביז צום כסא הכבוד...



די אידן ביים ציון האבן זיך נישט געקענט אפרייסן פונעם רבי'ן און פרובירט אריינצוכאפן די געציילטע מינוטן ביז זכור ברית, און פארגעזעצט מיט די עבודות ביים ציון...

זכור ברית האט זיך אנגעהויבן פונקטליך דריי אזייגער ביינאכט. ווען **רבי אברהם שטערנהארץ ז"ל** האט פארלאזט דעם ציון עטליכע מינוט בעפאר דריי אזייגער, האבן א גרויס מערהייט פון די באטייליגטע זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צום קלויז, ווי רבי אברהם האט פארגעדאוונט פאר'ן עמוד, האבנדיג דעם קביעות פארצודאוונען זכור ברית, מנחה מעריב שחרית און מוספין!

סליחות זעלבסט האט זיך פארצויגן א לענגערע צייט, און עס איז נישט מעגליך געווען צו דאווענען מיטן נץ. דאס ערנסטקייט האט זיך שוין אנגעזען ביים עולם ביי סליחות, וועלכע האט זיך גאר לאנג געצויגן, א ערך פון א דריי שעה, ווערנדיג פארגעדאוונט דורך רבי אברהם מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש.

## צדקה אן קיין חשבון

נאכן דאווענען האט זיך ערוואַרבן אן הערליכער בילד, ווען אלע ארימעלייט פון פוילן, וועלכע האבן נישט פארמאגט פאר די מינימאלע הוצאות פאר די וועג צוריק, זענען ארומגעגאנגען פון טיש צו טיש קלייבנדיג נדבות פונעם ציבור. די טעשער - וועלכע זענען אזוי אויך געווען ארימע - האבן זיך פלוצלינג צועעפענט, און אלע האבן אנגעהויבן גיסן ריזיגע נומערן פון צדקות איינער פארן צווייטן. קיינער האט נישט געקוקט וויפיל ער געבט, מען האט בלויז אריינגעלייגט דאס האנט אין קעשענע, ארויסגענומען א הויפן געלט און געגעבן מיטביידע הענט, זיך פרייענדיג אז מען האט די זכיה ארויסצוהעלפן אנדערע און זוכה זיין אין מצוות צדקה.

# ערב ראש השנהביים ציון

א גאנץ יאר איז די ציון שטענדיג געווען פארנומען מיט מענטשן, ווען ביי אלע ברסלב'ע חסידים וואס האבן זיך געפינען אינעם שטאט אומאן איז דאס גיין צום ציון געווען א טאג טעגליכער רוטין, פונקט ווי לייגן טעגליך תפילין. מאנכע האבן דארט אפגעראכטן זייער התבודדות, און ווידער אנדערע פלעגן זיך אויסוויינען ביים ציון ביי חצות. די ציון פלעגט האבן א שלאס וועלכע עטליכע מענטשן האבן פארמאגט די שליסלען דערצו, און ווען מען האט געוואלט וויסן צו די ציון איז שוין אפן, פלעגט מען בלויז דארפן ארויסגיין אינעם חצר פונעם קלויז וואס איז געשטאנען אויפן בארג קעגן איבער דעם ציון, און צולייגן אן אויער צו מען הערט שוין די געשרייען און וויינען ביים ציון. מען האט נישט געדארפט מער ווי הערן די 'ברסלב'ע קלאגערייען' און מען האט געוואוסט: דער ציון איז שוין אפן.

ביים ציון זעלבסט האט שטענדיג געהערשט א מורא'דיגע אימה און יראה, האלטנדיג פאר די אויגן אז דער הייליגער רבי געפינט זיך אויפן ארט. רבי אברהם ב"ר נחמן האט פארציילט אז דער טשעהרין'ער רב פלעגט שטיין ביים ציון פאר לאנגע שעות אויף די צוויי פיס זאגנדיג דעם תיקון הכללי, ביז ווען ער האט געשפירט אז זיינע כוחות לאזן זיך אויס, און ער מוז זיך אראפזעצן. אבער אויך דאן האט ער זיך קיינמאל נישט אראפגעזעצט אויף א בענקל, נאר ער פלעגט ארויסציען פון זיין טאש א פאטשיילע און עס אויסציעהן אויף דער ערד, און זיך ארויפזעצן דערויף - אויף אזוי ווייט האט מען זיך אויפגעפירט מיט אזא דרך ארץ אויף דעם מקום קדוש.

ווי שטארק דאס פארקער איז געווען א גאנץ יאר ביים ציון, ווען דאס פלאץ האט קיינמאל נישט גערוהט פאר קיין איינציגע מינוט, איז עס נישט געווען קיין משל צו דאס וואס האט זיך דארט אפגעטוען אין די טעג ארום ראש השנה - ווי נאר דאס דאווענען אינעם קלויז איז פארענדיגט געווארן, איז דער קליינער ציון פלוצלינג ווידער פארוואנדלט געווארן אין א שטראם פון מענטשן. דאס פלאץ איז געווען ענג און צושטיפט, אבער גארנישט האט נישט געקענט אפהאלטן די הונדערטער מענטשן פון זיך ארויפוואַרפן אויף דעם בלויזן שטיין וואס האט פארנומען די מערהייט פונעם אוהל.



מענטשן זענען געשטאנען פאר לאנגע שעה'ן צודריקט און צושטיפט, זיך נישט קענענדיג רירן. די היץ אינעם אהל איז געווען אומגעהויער, אבער גארנישט האט נישט צוריקגעהאלטן דעם שטראם פון מענטשן, צו פארלאזן דארט טייכן פון

טרערן אין אט די געהויבענע שעה'ן, ווען אין די הערצער צאנקעט הרהורי תשובה געמישט מיט נייע קבלות טובות פארן קומענדיגן יאר. רבי לוי יצחק זעלבסט האט זיך נישט געקענט משתטח זיין אויפן ציון צוליב מאנגל אין פלאץ, און האט בלויז זיך געקענט טיילווייז אנלענען אויפן ציון, און אזוי זיך אויסגיסן דאס הארץ.

אידן פון קליין ביז גרויס, זקנים עם נערים, פשוטע לייט און שרפים'דיגע עובדים, בעלי בתים און פשוטע ארבייטערס, אלע זענען געשטאנען אינאיינעם זאגנדיג דעם תיקון הכללי איינמאל און נאכאמאל, נאס מאכנדיג די געלע פאפיר מיט ים'ן פון אויסגעלייטערטע טרערן...

די קולות וואס זענען פארגעקומען אין די געציילטע סקווער-פיס זענען אומבאשרייבליך, עין לא ראתה זאת, אפילו די שטומע שטיינער פונעם ארום האבן בלויז געקענט מיט וויינען מיט די וויינענדיגע הערצער... די קולות זענען פארוואנדלט געווארן אין א הויכן כאָר פון געבעהט, האפענונג און תשובה.

צווישן די פארזאמלטע האבן זיך געפינען אזעלכע גרויסע לייט ווי רבי ישראל טירהאוויצער, און זיינע באנומענע קולות ביים זאגן די ווערטער פון רבי נתן'ס תפילה "ראה מסוכן כמוני", האט אלעמען באנומען... עס איז געווען א בחינה פון 'לב שופכים נכחך כמים' ווען רבי ברוך בארדיטשובער און רבי בנימין פארבער האבן זיך געעפענט די הערצער צום אייבערשטן און מיטגענומען אלע ארומיגע מיט זיך ארויף צו העכערע וועלטן, ווי די לעצט-פארבליבענע בלאקאדאס זענען געגצליך געעפענט געווארן, און דאס הארץ האט בלויז געבענקט צום קוואל...

"מען האט אנגעטאפט דעם רבי'ן - דאס איז עפעס א כח פון אויבן. מען האט געזען דער כח פונעם רבי'ן - 'דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה! דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה!" פלעגט אלץ ר' לוי יצחק אויספירן זיינע מעמוארן.

## נשמות פון אלע סארטן

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: "צו מיר וועלן מקורב ווערן אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתית איז פאר זיי קארג". אין דער זעלבער צייט האט דער רבי זיך אויסגעדריקט : "וואו עפעס רעכטס (ערליכע אידן), איז מחיוב צו מיר מקורב ווערן". דער רבי האט געוואלט אז אלע סארטן זאלן דערגרייכן צו אים, פון איין זייט זאלן קומען צו אים די ווייטע נשמות פאר וועלכע די שאול תחתית זעלבסט איז נישט גענוג פאר זיי, און פונעם צווייטן זייט זאלן קומען צו אים גרויסע און העכערע נשמות...!

די ווייטע נשמות זאלן באקומען הויפענעס פון חיזוק אריינצוגיין אין עבודת השם, און די הויכע נשמות זאלן באקומען דאזעס פון התעוררות אויף ווי ווייט מען האט נאכאלץ צו גיין צו מקורב ווערן צום אייבערשטן.

די דאזיגע צוויי שיחות זענען גענוי פארפולקאמט געווארן ביים הייליגן קיבוץ ראש השנה אין אומאן. ארום דעם טיש

פון רבי לוי יצחק - ווען אין די שפעטערע יארן פלעגט ער אפרעכטן גרויסארטיגע סעודות פאר פילע באטייליגטע - זענען געזיצן איבער פופצן 'צדיקים', ווי ער פלעגט דערציילן יארן שפעטער "ס'איז געווען - ברוך השם - ביי מיר א טיש 'ראש השנה'! דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל זוכה זיין בימי 'משיח' - צו זען אזא מין טיש! א פופצן-זעכצן 'צדיקים' זענען געווען ביי מיר ביים טיש! אזא מין לעבטיגקייט געווען ביים טיש, אז ס'איז א געוואלד געווען!".

אין דער זעלבער צייט האבן זיך געפינען ביים רבי'ן גאר דערווייטערטע נשמות, וועלכע האבן געלעכצט נאך אביסל אור וואס זאל זיי נענטער ברענגען צום אייבערשטן, און געהאפט צו באקומען די כוחות זיך אומצוקערן צו זייער נשמה.

רבי לוי יצחק פלעגט אילוסטרירן דעם פאראדאקס פון די צוויי-סארטן נשמות וועלכע פלעגן זיך באטייליגן ביים קיבוץ, מיט דעם פאלגענדן געשיכטע: איינס פון די יונגעלייט וועלכע זענען געקומען יאר-יערליך צום קיבוץ איז געווען א אינגערמאן וואס איז געקומען אריגינאל פון פוילן. דער איד איז געווען א גרויסער תלמיד חכמים און א בנש"ק שטאמנדיג פון די גרעסטע גדולים אין די פריעדיגע דורות.

זייענדיג אן אויסגערופענער גוטער בחור, איז ער געווארן אן איידעם ביי א פארמעגליכער גביר אין דניעפראפעטראווסקע. זייענדיג אין דניעפראפעטראווסקע, וועלכע איז געווען א גרויסער שטאט, איז דער אינגערמאן ליידער קאליע געווארן, און איז נאכגעשלעפט געווארן נאך זיינע תאוות ווערנדיג וואס א טאג ווייטער פון אייבערשטן.

נאך א גרויסער חלק פונעם 'גליטשן' איז געקומען אין רעזולטאט פון זיין שידוך ווי ער איז אריינגעפאלן מיט א שוואכע ווייב, וועלכע האט אים אראפגעשלעפט. אבער איין זאך האט ער פארמאגט, וואס אויף דעם האט ער קיינמאל נישט אויפגעגעבן: אומאן ראש השנה.

דער יונגערמאן פלעגט אנקומען קיין אומאן עטליכע טעג איידער ראש השנה, ווי ער איז גלייך צוגעגאנגען צום ציון הקדוש, ווי ער איז געבליבן זיצן פאר שעות און טעג אין א צי, ארום אים האט זיך געהערט יאמערליכע קולות און קרעכצן, ווען א טייך פון טרערן נעמט ארום זיין גאנצער ארום. ווען ער האט געגעסן די סעודות ביי רבי לוי יצחק האט ער בלויז געלעכצט צו הערן סיי וועלכער 'ווארט' פון רבי'ן, און יעדעס מאל וואס איינס פון די באטייליגטע האבן נאכגעזאגט עפעס פון רבי'ן אדער פון זיינע תלמידים, איז דער יונגערמאן ממש אויפגעשפרינגען פון פלאץ זיך צובייגנדיג צו דער וועלכער האט גערעדט, נישט ווילנדיג פארפאסן קיין איין איינציג ווארט. ער האט געהאט א הארץ וואס האט שטענדיג געבענקט און געהאפט זיך אומצוקערן צום רבונו של עולם, אבער פון דער אנדערער זייט האט ער פארמאגט אין זיך שרעקליכע נסיונות וואס האט אים שטענדיג אראפגעשלעפט צו שלעכטס רח"ל.

מענטשן פלעגן שטיין געשטוינט זיך וואונדערנדיג וואר איז דער אויסגעארבעטער אינגערמאן וואס פארבראכט אזויפיל שעות ביים ציון, מיט אזא ריינע און צובראכענע הארץ, אבער זיין אמת'ער שלייער האבן נישט אלע געוואוסט, ווען אונטער די פילע טרערן באהאלט זיך א פארוואגלטע נשמה, וואס איז ליידער פארקראכן גאר ווייט פון די רעלסן.

דער יונגערמאן פלעגט זיך אויסרעדן צו מיר דאס הארץ, וויינענדיג מיט טרערן אין די אויגן, "וואס זאל איך טוען? ווי נאר איך גיי ארויס פונעם ציון בין איך שוין אין א סכנה, איך בין שוין איינגעשטעלט".



זיין איינציגסטע טרייסט אויף די וועלט איז געווען די ד' אמות פונעם ציון, "וואס וועט זיין פון מיך, ווייס איך נישט", האט ער געזאגט, "איך האב נאר איין עצה, איך ווייס איך בין ביים רבי'ן, איך דארף גיסן טרערן"!!!

מאנכע וואלטן געהאלטן אז מען דארף אים פארטרייבן פון בית המדרש זייענדיג א בזיון פאר אלעמען, אבער דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט דאס פארקערטע, און מיר פלעגן אים מקרב זיין און ארויסווייזן ליבשאפט, "אז דו וועסט זיך האלטן אינעם רבי'ן, דו וועסט זיך האלטן אין התבודדות, סוף כל סוף וועסטו גוט אנקומען!

מיר ווייסן ניטאמאל וואס עס האט זיך געענדיגט מיט דעם יונגערמאן, און גאנץ מעגליך אז ער איז אומגעקומען אינעם צווייטן וועלט מלחמה. אבער דאס ווייסן מיר יא, אז יאר-יערליך האט ער אפגעראכטן 'מחאות' (ע"פ ליקו"ה חזקת מטלטלין ה"ה), ערקלערנדיג פאר'ן אייבערשטן אז ווי ווייט ער זאל זיך נאר געפינען פון אים, און ווי טיף ער זאל נאר זיין אין שאול תחתית - דאך וויל ער זיך אומקערן צום אייבערשטן!

## ערב ראש השנה

אידן שטייען שוין אויף די פיס פאר לאנגע שעה'ן, די הערצער זענען אפן, אלע גיסן זיך אויס דאס הארץ האפענענדיג אז זיי זאלן ארויסגיין פון דא מיט נייע ריינע הערצער, נישט אומזיסט

האט זיך דער רבי אויסגעדריקט "אנדערע וואלט זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי אונזער ערב ראש השנה". די מענטשליכע גופים קענען זיך נישט אפרייסן פונעם פלאץ, איינער שפירט ווי נאך א תיקון הכללי וועט עס מאכן, דער צווייטער האלט נאך אינמיטן אפרעכטן א 'וידוי דברים', ווען אין דער זעלבער צייט שפירט דער דריטער אז ער איז נאכנישט גרייט צו דער 'כבקרת רועה עדרו'... אבער די צייט פון מנחה באווייזט זיך שוין אויפן זייגער, און אויך די וועלכע ווילן נישט אנערקענען אז די צייט לויפט, מוזן זיך אויפוועקן צום פאקט אז אין געציילטע מינוטן הייבט שוין רבי אברהם

שטערנהארץ און מיט די עבודת הקטורת...

אין די לעצטע מינוטן זענען אידן שנעל געלאפן אין מקוה אריין, זיך איבערגעטוישט די וועש צו פרישע יום טוב'דיגע בגדים, און געשווינד געוואנדן די טריט צום לעכטיגן קלויז וועלכער איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן פון איין עק ביזן צווייטן, פארוואנדלענדיג דעם גאנץ-יעריגן פאליש אלס א חלק פונעם בית המדרש.

## א לעבעדיגע קטורת

מנחה איז געווען באשטימט אויף עטליכע מינוט בעפאר די שקיעה. אידן וועלכע די אויגן איז זיי נאך געווען געשוואלן פון די בכיות וואס זיי האבן פארגאסן דורכן טאג ביים ציון, זענען יעצט געשטאנען גרייט אויפן פלאץ צו אשרי, ווען די פיאות טריפן נאך טראפנס וואסער פונעם מקוה וואס זיי האבן קוים עספיעט אריינצוכאפן, נישט וועלנדיג פארפאסן קיין איינציגע מינוט פון אזא דערהויבענעם טאג.

רבי אברהם שטערנהארץ שטייט שוין ביים עמוד, און מאכט די לעצטיגע הכנות צום דאווענען. אט גיבט ער א געשריי "וידבר"! און דער גאנצער ציבור ווערט ספאנטאן מיטגעשלעפט אינעם עבודת הקרבנות. די לופט אינעם קלויז האט זיך געשפירט ווי עס זאל ווען פארקומען אויפן פלאץ אן הקרבת קטורת, עס האט זיך געשפירט דעם פלאם פייער וואס האט אונטערגעצינדן די פענדל פון די קטורת אין בית המקדש ווען דאס קטורת זאגן אליינס האט זיך פארצויגן צו איבער א פערטל שעה!

רבי אברהם איז נאך דאן געווען היפש יונג, אלט זייענדיג בלויז צוויי-און-פופציג יאר (ער איז געבוירן געווארן אין שנת תרכ"ב), באצירט מיט א קליין שווארצע בערדל. זיין דאווענען איז שטענדיג געווען אויף א באטעמ'טע פארנעם, ער האט אראפגעלייגט גאר א געשמאקער דאווענען. אין שפעטערע יארן, ווען רבי אברהם איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט רבי איציק'ל בּאַבּרינּיצער איבערגענומען זיין ארט און פארגעדאווענט דעם תפילת המנחה. רבי איציק איז געווען א געוואלדיגער עמאציאנאלער מענטש און א גרויסער בעל בכי, און ווען ער האט פארגעדאווענט איז דער גאנצער קלויז מיטגעשלעפט געווארן מיט זיינע בכיות, אזש עס האט זיך געשפירט אז די ווענט האבן מיטגעוויינט און געגאסן טרערן!

רבי לוי יצחק האט נאך מיטגעלעבט פילע פון די גרויסע רבי'ס אין פוילן, ווען אלס קינד און שפעטער אלס יונגער בחור פלעגט ער שטענדיג גיין צו פארשידענארטיגע רבי'ס וועלכע זענען געקומען באזוכן אין זיין אומגעגנט ווי ער האט געוואוינט. אבער דאס וואס ער האט בייגעוואוינט ביי א פשוטער 'קטורת' ערב ראש השנה אין אומאן, ווי הונדערטער אידן לעבן ממש מיט יעדעס איינציגסטערווארט וואס זיי זאגן ארויס פון מויל, ווי כאילו זיי זאלן ווען יעצט שטיין מלפני ולפנים און מקריב זיין די קטורת, האט אים גענצליך איבערגענומען, אזאנס האט ער אין זיין לעבן נאכנישט בייגעוואוינט.

געווען דארט א איד, דערציילט ר' לוי יצחק,

מען פלעגט אים רופן ר׳ נחמן אלשיך, היות ער האט געקענט גאנץ אלשיך אויף אויסעווייניג, ער איז געווען א זוהן פון ר׳ דוד צבי בן ר׳ יצחק בן מוהרנ״ת זצ״ל, א גרויסער בעל בכי געווען, ער האט אסאך טרערן פארגאסן. ער פלעגט זאגן די קטורת ערב ראש השנה האט די שול געקלונגען! די שול האט געקלונגען מיט זיינע קטורת, ווען ער האט געזאגט די ווערטער: ״בבואם אל אהל מועד ירחצו מים ולא ימותו״, מיט אן התעוררות געזאגט, ער האט גערעדט די ווערטער אזוי ווי ער טייטשט עס אויס!

די אמונה אינעם רבי׳ן האט זיך געשפירט אין די לופטן, עס איז פולקאם פארווירקליכט געווארן דעם ׳מורא רבך כמורא שמים׳! דערנאך האט ר׳ אברהם אויך פארגעדאווענט מעריב.

## לשנה טובה

״די וועלט וועט זיך פארוואונדערן אויף די אהבה פון מיינע מענטשן״ האט דער רבי פאראויסגעזאגט בחיים חיותו. אט דאס האט זיך אפגעשפילט תיכף נאך מעריב, ווען דער עולם האט אנגעהויבן אנוואונטשן איינער פארן צווייטן דעם ׳לשנה טובה״.

די אהבה וואס עס האט געהערשט צווישן דער עולם דורכאויס ראש השנה איז געווען אומבאשרייבליך, ווען יעדער איינער, פון קליין ביז גרויס, האט געשפירט אז אלע זענען זיך צוזאמגעקומען מיט א פאראייניגטע ציהל: צו ווילן ביים צדיק אויף ראש השנה!

## ראש השנה בייטאג

נאך אזא נאכט, אויף וועלכע דער רבי האט געזאגט אז זיינע חסידים פירט מען דורך דער ערשטער נאכט, איז פארשטענדליך שוין מיטגעשלעפט געווארן דעם שחרית פונעם קומענדיגן צופרי. וויפיל דער שוהל אליינס איז געווען א פראכטפולער געבוי, איז אבער דאס דאווענען געווען פיל שענער, מען האט געזען אז דאס איז נישט קיין מענטשליכער כוח, נאר א העכערע כוח פון אויבן פירט דעם פלאץ.

רבי אלטר טעפליקער איז צוגעגאנגען צום עמוד צו פסוקי דזמרה ביז המלך, ער האט געהאט אזא נאטור - ער האט געדאווענט הויך, געשמאק, זיין דאווענען האט זיך געהערט, ער האט אסאך מענטשן מעורר געווען מיט זיין דאווענען!

דערנאך איז ער געזיצן אויבן אויפן בימה און הויעך געדאווענט דעם גאנצן דאווענען ווארט נאך ווארט, ווי א מענטש וואס ציילט זיין געלט, ער האט אריינגעברענגט א ווארעמקייט ביי אלעמען. אויך בשעת די שטילע שמונה עשרה האט זיך געהערט זיין זיסע בעטענדיגע שטימע אינעם גאנצן קלויז...

אויך ר׳ זלמן, א אייניקל פון רבי׳ן (א זוהן פון ר׳ נחמן חיה׳לעס - די טאכטער פון רבי׳ן) אויף וועמען מען האט געזאגט אז ער האט געטראגן אויף זיך די צורה פון רבי׳ן, איז געשטאנען א גאנצן טאג ביים דאווענען אויסגעדרייט צום וואנט.

שחרית איז פארגעדאווענט געווארן דורך

רבי אברהם שטערנהארץ. ר' לוי יצחק פלעגט דערציילן, אז איינמאל איז איינער א משכיל רח"ל אמאל דורכגעגאנגען די שוהל בשעת ר' אברהם האט פארגעזאגט דעם "לקל עורך דין" ביי תפילת שחרית, האט ער שפעטער געזאגט; וואס זאל איך אייך זאגן: די מענטשן האבן געוויינט?! "די ווענט האבן געוויינט"! די ווענט האבן געוויינט!!!

דער בעל קורא איז געווען רבי אייזיק'ל קאסטענטינער וועלכער האט איבערגעבויט דעם קלויז, און האט געהאט א הויכער קול. רבי נחמן - דער זוהן פון רבי דוד שוחט - איז געווען דער בעל תוקע, ביזן יאר תר"פ ווען ער איז ליידער אומגעקומען דורך די פארשאלטענע באנדעס. שפעטער, נאך זיין אומקום, האט רבי ארי' לייב קאפלאן, דער קאסאב'ער רב, איבערגענומען זיין אמט.

מוסף פלעגט קודם פארדאווענען ר' נחמן נעמירוב'ער ביז זיין פטירה אינמיטן זוממער שנת תרע"ט, דאן האט אים איבערגענומען רבי אברהם שטערנהארץ ווי ער פלעגט דאווענען די מוספין ביז ער איז ארויף קיין ארה"ק און איז דאן איבערגענומען געווארן דורך ר' לוי יצחק זעלבסט.

ראש השנה האט געהערשט א העכערע געפיהל איבערן גאנצן קלויז, און אויך די עובדים וועלכע פלעגן אגאנץ יאר אפרעכטן זייערע תפילות מיט איבער-מענטשליכע קולות, האבן אבער ראש השנה געדאווענט אינאיינעם מיטן גאנצן עולם און קיינעם נישט איבערגעשריגן, צוליב די פחד פונעם יום הדין.

רבי געצע, וועלכער האט געפירט די 'חבורת העובדים', האט געזאגט: "ראש השנה, ראש השנה, אל תתהדר לפני מלך, דאס איז היינט דעם רבי'נס ראש השנה!".

## אמירת תורה

פיר שעה אין א ציה איז ער געשטאנען דארט אויבן אויפן באלעמער, ווען ער זיצט ארומגענומען מיט הונדערטער אידן וועלכע נעמען נישט אראפ קיין אויג פון זיין פלאמעדיגן געזיכט. ער האט אויסגעוועהלט פון די שווערסטע און לענגסטע תורות אינעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן - ווי תקעו תוכחה און תקעו אמונה - און דאס האט ער פארגעלערנט מיט א פעסטע שטימע און קלארע הסברה.

רבי אברהם שטערנהארץ, וואס האט שוין געהאלטן דאן - דער צווייטער נאכט פון ראש השנה - נאכן פארדאווענען דער לעצטער טאג 'אלע' תפילות אינעם ריזיגן קלויז, האט איבערגעגעבן דעם שיעור, און האט נישט אויפגעהערט ביז ווילאנג ער האט געענדיגט פארלערנען די 'גאנצע' תורה ביזן לעצטן ווארט.

אינעם קלויז זעלבסט,ביים שיעור פון רבי אברהם וואס איז פארגעקומען צווישן די ערשטע און צווייטע נאכט פון ראש השנה, נאך תשליך, האבן זיך פארזאמלט א ריזן ציבור פון אידן, אריינרעכענענדיג פילע פרעמדע אומאן'ער איינוואוינער וועלכע האבן נישט געוואלט פארפאסן דעם יערליכן ערהאבענער בילד פונעם שיעור און שפעטער דעם פלאמעדיגן דאווענען

דורך רבי אברהם וואס האט פארמאגט א הערליכע שטימע. די קלויז איז געווען אזוי איבערגעפיהלט אז אפילו ברסלב'ע חסידים וועלכע האבן נישט אנטייל גענומען ביים שיעור, האבן שפעטער נישט געקענט אריינקומען צו מעריב, וויבאלד די קלויז איז געווען איבערגעפילט ביז אינדרויסן.

אין דער זעלבער צייט וואס רבי אברהם האט געגעבן דעם שיעור אינעם קלויז, זענען פארגעקומען נאך עטליכע שיעורים אין ארומיגע הייזער אויף א קלענערע פארנעם.

ביי רבי שמשון בארסקי האט זיך פארזאמלט עטליכע מנינים, און אזוי אויך ביי רבי נחום שוסטער - ווי רבי אברהם ב"ר נחמן האט פארגעלערנט פאר נאך עטליכע מנינים.

אויך רבי לוי יצחק וואס האט דאן נאכנישט ארויסגעהאט די גרויסקייט פון רבי אברהם ב"ר נחמן און האט ניטאמאל געוואוסט אז ער לערנט פאר ביי רבי נחום אין שטוב. אבער ערגעץ ווי איז ער אנגעקומען ביי רבי נחום און האט דארט באגעגנט רבי אברהם ב"ר נחמן פארלערנענדיג. ארום אים זענען געזעצן אלע 'עובדים' ווי רבי מרדכי סאקאלאווער, רבי בנימין פארבער, רבי שלמה גבריאל און נאך, ווען זיי מאכן זיכער נישט צו פארפאסן קיין איין איינציג ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל. ער האט נישט פארמאגט אזא שטארקע קול ווי רבי אברהם שטערנהארץ האט געהאט, אבער דאך איז ער געזיצן מיט א פארפלאמטער געזיכט, און געקאכט ווי א קעסל.

## דער בריוו

*א שארפע בריוו האט דערגרייכט רבי לוי יצחק, ווען אויפן קאנווערט שטייט אויפגעשריבן: פון דיין טאטע -* ***ר' אברהם נח בענדער ע"ה.***



*ער האט געעפענט דעם בריוו מיט טרייסלנדע הענט, באגעגענענדיג א בריוו וואס זיין טאטע האלט אים פאָר פאר'ן אוועקפארן אן זיין רשות, און ענדיגט צו דעם בריוו מיט שטרענגע ווערטער אז ער וועט נאך אפגעבן דין וחשבון אויף דעם געוואגטן אקט. דאס האט אים זיין טאטע אזוי געשריבן אלץ מורא אז ער איז געווארן פארכאפט פון די בייזוויליגע ווינטן פון השכלה און קאמוניזם מיט וואס די אוקריינישע לופט איז דאן פול געווען.*

*רבי לוי יצחק האט זיך נישט געזוימט און האט תיכף ומיד זיך גענומען צוריק שרייבן א הערליכער בריוו ווי ער שילדערט פאר זיין טאטען וואס עס קומט פאר אין אומאן, און די מורא'דיגע עבודות וואס ער האט דא בייגעוואוינט. דאן האט ער צוריקבאקומען דעם אנטווארט פון זיין טאטן, ווי ער שרייבט אים צוריק אין קורצע רייד:* ***"אויב אזוי, פארבלייבזשע דארטן! האב מיר אינזין, גוט האסטו געטון!"***



## טייל מקורות פון די נוסחאות התפילה - ימים נוראים:

איבערגעגעבן פון ר' לוי יצחק בענדער ע"ה

רוב רובו פון די נוסח וואס מיר דאווענען אין ראש השנה שטאמט פונעם רבי'נס תלמיד, הרה"ק רבי יקותיאל דער מגיד פון טירהאוויצע זצוק"ל.

דער אנהייב פון חזרת הש"ץ שחרית און מוסף שטאמט פון הרה"ק רבי משה שפירא א זוהן פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאריצער זי"ע.

די נוסח פון מכלכל חיים - שחרית קומט פון רבי נחמן טולטשינער ז"ל.

דער שטיקל פון אשרי העם יודעי תרועה און אזוי אויך די נוסח פון הנני העני ממעש איז אריינגעברענגט געווארן ביי אנ"ש דורכ'ן בעל תפילה ר' לייב קוסטאנטינער ז"ל.

דער ניגון פון מכלכל חיים און פון ויאתיו כל לעבדיך ביי מוסף שטאמט פון ר' ירוחם חזן און איז אריינגעברענגט געווארן צווישן אנ"ש דורך ר' לייב קוסטאנטינער ז"ל.

די נוסח פון ונתנה תוקף איז פון דער מגיד פון טירהאוויצע און פארמאגט אין זיך אויך א געמיש פון די נוסח פון ר' לייב קוסטאנטינער.

די תנועה פון "אלקינו ואלקי אבותינו" ביי אנהייב "שופרות" איז פון ר' נחמן טולטשינער ז"ל.

אריינגעפאסט די ניגון פון מעין עולם הבא אויף די ווערטער פון ארשת שפתינו און אויך דער ניגון פון היה עם פיפיות איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך ר' נחמן טולטשינער ז"ל.





### איך קום יעצט די ערשטע מאל צום

# רבי'נס ראש השנה

# אצינד וואס טו איך יעצט?

**עטליכע אנווייזונגען און הנהגות לימי ראש השנה הקדושים**

## סדר השתטחות על הציון:

**א.** מען פירט זיך צו גיין אין מקוה (לכתחילה) איידערן ארויפגיין צו זיך משתטח זיין אויפן ציון. (שיש"ק ג, תקמ"ג)

**ב.** ביים ציון דארף מען זיין געווארנט זיך נוהג צו זיין מיטן פאסיגן כבוד, נישט צו רעדן קיין דברים בטלים און נישט זיך נוהג זיין מיט קיין קלות ראש ח"ו.

**ג.** עס זאל זיין פאר דיינע אויגן אז דער הייליגער רבי געפונט זיך ממש דא ביי זיין ציון אזויווי ביים לעבן (שיחות הר"ן קנ"ו)

**ד.** איידער מען הויבט אן דעם תיקון הכללי דארף מען געבן א פרוטה לצדקה און ער זאל זאגן: הריני נותן צדקה בעבור נשמת רבינו הקדוש רבינו נחמן בן פייגא. (שיחות הר"ן קמ"א)

**ה.** נאכ'ן פאר'ענדיגן דעם תיקון הכללי מיט די תפילה, זאל ער זיך מתוודה זיין אויף אלע זיינע חטאים וואס ער האט אפגעטון אויף ווי ווייט ער געדענקט. (ליקו"מ קע"ח)

**ו.** ער זאל זיך אוועקשטעלן ערגעץ נעבן ציון (מוז נישט זיין דווקא אין די ד' אמות) און זיך אויסגיסן זיין הארץ פאר'ן רבי'ן אויף אלעס וואס עס קוועטשט אים אזויווי מען רעדט זיך אויס צו א לעבעדיגן צדיק. (חיי מוהר"ן ש"ז)

**ז.** דער רבי האט געזאגט אז ער וועט האבן א ספעציעלע פארגעניגען אויב מען וועט קומען צו זיין קבר און לערנען און דאווענען דארט. דערפאר זאל מען זיך מייחד זיין ביים ציון צו זאגן דארט תהלים, ליקוטי תפילות, לערנען משניות, גמרא, הלכה, ספרי רבינו, א.א.וו.

## ליל זכור ברית

**ח.** די לעצטע נאכט פונעם יאר פירן זיך אנ"ש אויפצושטיין חצות און קומען צום ציון זאגן תיקון חצות. (מהרלוי"צ)

**ט.** די תיקונים פון ר"ה הייבן זיך שוין אן פון סליחות ערב ר"ה. דעריבער האבן אנ"ש מקפיד געווען שוין צו זיין אין אומין צו סליחות פון זכור ברית. (שיש"ק ב, תשי"ד)

## ערב ראש השנה

**י.** מען פירט זיך צו פאסטן ביז חצות.

**יא.** מען איז זיך משתדל ארויפצוגיין צום ציון און זאגן תיקון הכללי, וידוי דברים וכו' נאך פאר'ן אויספאסטן. (שיש"ק ב, תקל"ט)

**יב.** דער רבי האט געזאגט: אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי אונזער ערב ר"ה (חיי מוהר"ן ש"ה). אנ"ש האבן אויסגענוצט די טאג פון ערב ר"ה ביזן קלימאקס מיט תפילות ותחנונים זיך אויסצוגיסן די הארץ און זיך אויסוויינען און אויסוואשן די נשמה פאר השי"ת זיך צוצוגרייטן צו די ימים הנוראים מיט די פאסיגע הכנה.

**יג.** ערב ראש השנה איז כדאי צו געבן צדקה פאר א פדיון (שיחות הר"ן רי"ד).

## ראש השנה

**יד.** די ערשטע טאג ראש השנה דארף מען זייער ממעט זיין מיט די דיבור און בכלל נישט רעדן קיין דברים בטלים (שיחות הר"ן כ"א)

**טו.** ראש השנה דארף מען טראכטן נאר גוטע מחשבות, און זיך מחזק זיין מיט אמונה און בטחון אז דער אייבערשטער וועט אונז זיכער שענקען א גוט געבענטשט יאר. (שיחות הר"ן כ"א)

**טז.** ראש השנה איז פארהאן א ספעציעלע ענין צו וויינען ביים דאווענען (אן קיין דרוק, פארשטייט זיך) און די וויינען זאל קומען פון שמחה וואס דאן האט עס א גרעסערע חשיבות (ליקו"מ קע"ה, שיחות הר"ן פ"ז)

**יז.** די אלע וואס פארן צום רבי'ן דארפן זען צו נכלל ווערן איינער אינעם צווייטן מיט א געוואלדיגע אהבה און ליבשאפט, דורכדעם ווערט מען נכלל אינעם צדיק און מען איז ממשיך דעם צדיק דא צו אונז אויף דער וועלט (ע"פ פרפראות לחכמה תורה ס"א).

## מוצאי ר"ה

**יח.** ווער עס איז געווען ביים הייליגן רבי'ן אויף ר"ה דארף זיך זייער פרייען מיט די געוואלדיגע זכיה וואס ער האט זוכה געווען, אזויווי דער רבי האט געזאגט: מי שהיה אצלי על ר"ה ראוי לו לשמוח מאד, אכלו מעדנים ושתו ממתקים וכו'. (חיי מוהר"ן ת"ג)

# ניגון כתר

כֶּתֶר כֶּתֶר,
תְּפִלּוֹת אִיךְ פַּארְמֶער,
אִין אוּמַאן צוּ זַיין, דֶעם הֵיילִיגְן טָאג
רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעם זְכוּת אִיךְ פַּארְמָאג
מַלְאָכִים מַלְאָכִים,
מִיר זִינְגְען צוּזַאמֶען שְׁבָחִים
פַאר דִי מַתָּנָה וָואס גָאט הָאט גֶעשֶׁענְקְט

כֶּתֶר כֶּתֶר,
דֶעם רֶבִּי׳נְס בַּאפֶעל אִיךְ הֶער
אִין אוּמַאן צוּ זַיין,
דֶעם הֵיילִיגְן טָאג
סְ׳אִיז מִיר, בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּלָאג
אוֹי, דִי הֵיילִיגֶע דְּרָכִים,
אַ זְכוּת לָנֶצַח נְצָחִים,
אוֹיף דִי נְסִיעָה אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּענְק

יַחַד יַחַד,
מִיר גֵייעֶן,
זִיךְ בַּאנַייעֶן,
בַּיים רֶבִּי׳ן,
אִין שְׁטָאט אוּמַאן,
מִיט שֶׁבֶת - אַחִים גַּם

יַחַד יַחַד,
מִיר גֵייעֶן,
זִיךְ בַּאנַייעֶן,
בַּיים רֶבִּי׳ן
דֶעם אָנְהוֹיבּ פוּן יָאר,
צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן אִיךְ פָּאר

כֶּתֶר כֶּתֶר כֶּתֶר, יִתְּנוּ לְךָ,
כֶּתֶר יִתְּנוּ לְךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ
מַלְאָכִים מַלְאָכִים מַלְאָכִים
מַלְאָכִים הֲמוֹנֵי מַעְלָה
עִם עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל קְבוּצֵי מַטָּה

פַייעֶר אוּן וַואסֶער, קֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן אוּנְז,
קַיין שׁוּם מְנִיעָה
וֶוען-חֲסִידִים פָּארְן קַיין אוּמַאן, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה
מַלְאָכִים מַלְאָכִים מַלְאָכִים
פוּן יֶעדְן טְרִיט אוֹיף דִי דְּרָכִים
בַּאשַׁאפְן עֶס וֶוערְט בְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה

יַחַד יַחַד,
מִיר גֵייעֶן,
זִיךְ בַּאנַייעֶן,
בַּיים רֶבִּי׳ן,
אִין שְׁטָאט אוּמַאן
מִיט שֶׁבֶת אַחִים גַּם

יַחַד יַחַד,
מִיר גֵייעֶן,
זִיךְ בַּאנַייעֶן,
אִינֶעם נַחַל
דֶער הֵיילִיגֶער אָרְט
בַּאקְרוֹינֶען דֶעם מֶלֶךְ דָארְט.

# מיין ערשטע ראש השנה ביים רבי'ן



**זכרונות פון א זיבן יעריגער אינגעלע פון זיין נסיעה אויף אומאן ראש השנה, אין יאר תשנ"ה - זעקס יאר נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען אז די טויערן פון רוסלאנד האבן זיך געעפנט.**

אזוי ווי מיר גרייטן זיך צום גרויסן יום הדין, ווען יעדער פאקט זיך צאם זיינע פעק און זעק און איילט זיינע טריט צום נהר המטהר מכל הכתמים - דער ציון פון הייליגן רבי'ן, יעדער מיט זיין וועג וואס ער דארף שפרייזן, מיט זיינע מניעות און שוועריגקייטן וואס ער דארף איבערשפרינגען, כדי צו פאלגן דעם צדיק, דער ראש בני ישראל וואס האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז ראש השנה", האבן מיר זיך געזעצט א שמועס מיט ר' הערשל הי"ו א אינגערמאן פון בית שמש, וואס ברענגט ארויף זכרונות פון זיין ערשטע נסיעה אלס קינד, און וואספארא השפעה עס האט געהאט אויף זיין לעבן...

"הערן און זיך שטארקן צוזאמען שבכל נסיעה ונסיעה של כל אחד ואחד, יהיה לה חלק בקץ הגאולה" (אנשי מוהר"ן עמוד צב אות ד).

**א גוטן ר' הערשל, כאטש ס'איז שוין דא פון דעם אסאך יארן, וואס געדענקט איר פון אייער ערשטע נסיעה?**

איך בין געווען דעמאלס זייער קליין, אזוי אז די זכרונות זענען עפעס נישט גאר קלאר, איך געדענק נישט קיין הכנות אדער ווארטן אויף די נסיעה, אפשר האט מיין טאטע אלעס מסדר געווען און איך בין נאר געקומען צום גרייטן... בכל אופן, וואס איך געדענק יא אז מיר זענען געפארן צוזאמען מיט מיין פעטער - מיין טאטנ'ס ברודער, וועלכער האט אויך מיטגענומען א קינד אין מיין עלטער, אזוי אז איך האב געהאט מיט וועמען צו שפילן און פארוויילן די צייט צוזאמען.

איך דארף צוריק אריינגיין אין א קאפ פון א זיבן יעריגער קינד, זיך צו דערמאנען לויט מיין דעמאלדיגער בליק. איך געדענק אסאך טאטעס, מ'פארט, מען דאוונט, מען עסט, איך געדענק אז ווען מיר זענען אנגעקומען האבן מיר נישט געפונען אלע רענצלעך...

**וואס מיינט? נישט אלע רענצלעך זענען אנגעקומען?**

היינט קען אויך אמאל געשען אזא זאך, אבער אמאל איז דאס געווען אן אפטע ערשיינונג. די גאנצע מדינה איז געווען דעמאלס זייער אונטערשטעליג אין אלע אינזיכטן אזוי אז ס'האט זיך געמאכט אפט. גראדע איז דאס נישט געווען אונזער רענצל נאר פון מיין קרוב. ער איז געבליבן אן קיין מינימאלישע וועש צו בייטן... מ'האט גערעדט אז ס'דארף אנקומען די רענצל, אבער למעשה האב איך זיך געדארפט צוטיילן מיט אים מיט מיינע וועש! איין חלק איז ער געגאנגען און די צווייטע העלפט איך... ס'איז געווען א

קאלטע וועטער יענעם יאר און מיר האבן זיך צוטיילט איינער איז געגאנגען דאס מאנטל און דער צווייטער די שאל, אזוי אויך די שבת'דיגע בגדים פון יום טוב. איך קען זיך פארשטעלן אז ער איז נישט געווען פונקט אין מיין מאס, אזוי אז ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע מצב. אויפן וועג צוריק אהיים, אין עירפארט, האבן זיי צוריק באקומען די רענצל מיט אלע זאכן.

**ווי אזוי איז געווען דער מצב אין אומאן אליין?**

מיר זענען איינגעשטאנען ביי בנימין, א עלטערער אוקריינישער איד וועלכער פלעגט פארדינגען ביי זיך אין שטוב בעטן פאר די אידן וואס קומען צום קיבוץ. איך געדענק מענטשן פלעגן פרעגן מיין טאטע אויפן גאס: "וואו שטייטסטו איין?" און מיין טאטע פלעגט ענטפערן: "ביי בנימין". דער עולם האט שוין געקענט די אכסניות דארטן... אבער פאר מיר זעלבסט איז נישט געווען אזוי אנגענעם צו איינשטיין ביי דעם בנימין...

**אזוי? פארוואס?**

ער האט געהאלטן אין שטוב א קעצל וואס פלעגט זיך דרייען אין שטוב ווי זי וואלט געווען א חלק פון דער הויז-געזינד... זי האט זיך געדרייט צווישן די בעטן שפאצירט געמיטלעך פון איין צימער צום אנדערן. איך געדענק אז איך האב זייער מורא געהאט פון וואו זי גייט מיר ארויסוואקסן... ס'איז געווען פאר מיר דאס ערשטע מאל צו זען אזא זאך אז א מענטש זאל אריינלאזן א קעצל ביי זיך אין הויז. איך האב אלץ געמיינט א קעצלעך וואינען נאר ביי די מיסטן... אבער מיט דעם אלעם איז געווען פיין. איך האב זיך צום סוף צוגעוואוינט צום דער מצב.

**קענסט געדענקען נאך חסידים וואס זענען געקומען צום קיבוץ?**

ממש פערזענליך געדענק איך נישט. איך בין נישט געווען א אינגל וואס האט זיך געדרייט מיט אנשי שלומינו. מיין טאטע איז געווען א שטיקל מקורב, אזוי אז אלע מענטשן זענען מיר געווען פרעמד. איך דערמאן זיך אז ר' אפרים נחמן אנשין שליט"א האט פארקויפט די זיץ פלעצער אין קלויז, פשוט ווייל זיין זון איז געווען מיין רבי אין חדר יענעם יאר, האט מיר מיין טאטע דערציילט אז ער האט געקויפט פלעצער ביי מיין רבי'ס טאטע!

ס'איז נאך דעמאלס נישט געווען קיין קלויז נאר מען האט צוגעשטעלט א גרויסע זאל וואס דארט האט מען געדאוונט און געגעסן א.א.וו.

אויפן וועג צוריק געדענק איך אז מיין טאטע האט ארומגערעדט מיט אנדערע ברסלב'ע חסידים אז ס'איז געווען א קיבוץ פון פינעף טויזנט מענטשן... איינער האט געהאלטן אז מער, איינער ווייניגער. איך פון מיין ווינקל האב זיך צוגעהערט פון זייט צום שמועס.

**דו געדענקסט דעם חצר פון רבינ'ס ציון?**

ניין, איך געדענק גארנישט פון רבינ'ס ציון. איך ווייס נישט פארוואס, אבער כאטש איך געדענק נישט דעם חצר און מיין תיקון הכללי זאגן א.ד.ג. איז אין מיר איינגעפלאנצט געווארן אין יענע נסיעה א נאנטע התקשרות צום רבי'ן אנדעם איך זאל בכלל וויסן און

פארשטיין אז עס ליגט באהאלטן אין מיר.

**וואס מיינטסו צו זאגן מיט דעם?**

אזוי ווי אויבנדערמאנט, בין איך נישט געקומען פון א ברסלב'ע סביבה, כאטש מיין טאטע פלעגט דאווענען פון מאל צו מאל אין שול אין מאה שערים, אבער איך האב נישט געהאט קיין שום השגה אין רבי'ן אין זיינע שיחות און הייליגע עצות. למעשה בין געווארן דערוועטערט פון דעם אמת'ן גוטן לעבן אן צו וויסן בכלל וואס איך דערלייג, ווען איך בין עלטער געווארן - אלס בחור האב איך געפילט א ליידיגקייט אין הארץ, בין איך געווארן מקורב צו איינעם פון די באקאנטע חסידות'ן אין ירושלים, איך פלעג לערנען חסידישע ספרים, און אסאך אריינגיין צום רבי'ן פון דעם חסידות רעדן מיט אים, גיין צו טישן א.אוו.

**אזוי האסטו אפגעלאזט דעם רבי'ן מיט זיינע עצות?**

איך האב נישט געוואוסט וואס איך האב אז איך זאל פארשטיין וואס איך דערלייג... איך געדענק אז איך פלעג זיך בענקען צום נוסח פון די תפילות ראש השנה, די ווארעמע ניגונים וואס עפנט און צעברעכט דאס הארץ... מיין טאטע פלעגט אלע יארן, ווען ער איז נישט געפארן קיין אומאן, דאווענען ביים קיבוץ אין מאה שערים, אזוי אז די תפילות זענען מיר געווען איינגעבאקן אין הארץ, אזעלכע תפילות איז זייער שווער צו געפינען ערגעץ אנדערש...

אבער ביי דעם האט זיך עס אפגעשטעלט, איך האב געפילט שטענדיג א חסרון. איך האב געזוכט א וועג, אין די יארן פון ישיבה גדולה בין איך געווארן א שטיקל עובד. איך פלעג דאווענען א לאנגע צייט, און לערנען שעות רצופות, אבער אזוי ווי דער רבי דערציילט אין מעשה פון דער רב און דער בן יחיד אז ער האט נישט געשפירט א טעם אין זיין עבודה... נאך אלץ האב איך נישט געפילט א טעם און א חיות און מיין לעבן, אזוי ארום האב איך חתונה געהאט, אויפגעשטעלט א שטוב, און כ'האב שוין געהאט צוויי קינדער, געהאט שיין פרנסה, א.א.וו. אלעס פון אויבן אויף איז געווען פיין און שיין, נאר די הארץ האט געבענקט נאך עפעס וואס איך ווייס נישט וואס, אין איינע פון די טעג האט מיין פרוי געטראפן אין שטוב א ספר "שבחי ושיחות הר"ן" וואס איך האב באקומען ביי מיין בר מצוה פון א חבר פון מיין טאטע, און זי איז מורא'דיג נתפעל געווארן, אזעלכע טיפע שיחות פיל מיט אמת און תמימות, אזוי צוביסלעך איז דער צדיק אריינגעקומען ביי אונז אין דערהיים, נייע עצות, א נייער וועג אין לעבן.

**וואס איז דיר עפעס געווען א חידוש? די האסט דאך שוין געוואוסט פון רבי'ן?**

אוודאי איז מיר געווען א חידוש! איך האב געוואוסט פון אלס קינד אז ס'איז דא ברסלב, אנשי שלומינו מען פארט אויף אומאן, אין מירון, מען זינגט בני היכלא שלש סעודות א.א.וו... אבער איך האב נישט געוואוסט פונעם צדיק! איך האב נישט אויפגעכאפט אז ס'איז דא א צדיק וואס פארשטייט מיין לעבן, ער האט אויף מיר שוין אויסגעקוקט און קען מיר העלפן! יעצט היינטיגע צייטן, אזוי ווי איך בין! דאס איז געווען פאר מיר א

געוואלדיגער חידוש!

**דו טראכסט אז ס'איז דא פארבינדונג צווישן די נסיעה אלס קינד, צו דע נייער התקרבות אלץ יונגערמאן?**

אוודאי! בלי ספק! דער הייליגער רבי דערציילט א משל (חיי מוהר"ן תר"ג לענין עסק הקיבוץ שלו) אז ס'איז דא א געוויסע פייגל וואס לייגט זייער זייער אסאך אייער, אזויפיל אז זי קען נישט זיצן אויף זיי אלע אינאיינעם, כדי ס'זאל קענען געבוירן ווערן פון דעם קליינע פייגלעך, האט איר ה' יתברך באשאפן מיט אזא נאטור אז זי נעמט אירע אייער און פליט ארום צווישן דיביימער און וואו זי טרעפט א נעסט לייגט זי דארט שטיל אריין אפאר אייער, אן דעם וואס די 'באלאבוסטע' פון דער נעסט זאל כאפן. אזוי גייט זי צו נאך א נעסט און לייגט נאך אפאר אייער, אלעס כיטערטיש אז די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זאלן נישט באמערקן, אזוי צושפרייט זי רוב אייער אין אנדערע נעסטן. נאר אפאר אייער לאזט זי איבער נעבן איר און זי זיצט אויף זיי ביז זיי וואקסן אויף.

דערוויל, די פייגלעך פון די אנדערע נעסטן זיצן אויף די אייער אן דעם וואס זיי זאלן וויסן אז ס'איז גארנישט זייער אייגענע אייער, ביז עס ווערן געבוירן קליינע פייגלעך פון די אייער. דאן קומט די מאמע מיט אירע פייגלעך פון איר נעסט און פליט ארום מיט זיי איבער אלע נעסטן און זיי שרייען און קוויטשקען הויך און ווען די פייגעלעך פון אלע נעסטן הערן דעם קול, ציען זיי צו איר און לויפן שנעל אוועק פון זייער נעסט צו איר ווייל זי איז זייער אמת'ע מאמע, אזוי

קומען צוריק צו איר אלע אירע קינדער!

דער רבי האט נישט דערציילט דעם נמשל, נאר האט געזאגט אז די נמשל איז פארשטענדליך פאר ווער עס האט אביסל השגה און ווייסט אביסל פון די גרויסקייט פון די הנהגה ווי אזוי דער רבי פירט זיך מיט זיינע מענטשן.

אמאל ווערט איינער מרוחק ערגעץ כדי ער זאל זאל זיך בויען אביסל, זיך אוועקשטעלן, דעמאלס קען ער שוין הערן דעם הייליגן קול פון רבי'ן וואס וועקט אים אויף זיך צו פרעגן "וואו בין איך אויף דער וועלט?!" און גלייך קומט ער צוריק צו לויפן צום צדיק...

**יישר כח ר' הערשל, ס'איז מורא'דיג מחזק! וואס קענט איר איבערגעבן די ליינער צום אויספיר?**

פון מיין מעשה קען מען זיך לערנען אז אפילו א מענטש קומט צום רבי'ן בקטנות, ער ווייסט נישט אפילו פארוואס ער איז געקומען, האט דער רבי א תיקון אויף פאר אים. ער איז אריין אין די רשימה פון דער רבינ'ס לייט! אסאך מאל קומט מען צום רבי'ן אויף ראש השנה און מען וויל פילן הרגשות צו באקומען אורות... אבער דער אמת איז אז מען דארף זיך שטארקן מיטן עצם פארן, אז איך האב זוכה געווען צו ברענגען מיין פעקל ביינער צום צדיק! דאס איז דער עיקר, איך קען שוין טאנצן און זיין פריילעך וואס מען איז זוכה. מער פון דעם איז שוין מתנות פון רבי'ן!

**דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט אלע האבן א גוט יאר, און ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים אמיתיים!**

# קִינְדֶערְלֶעךְ לוֹיפְּט צוּם רֶבִּי'ן!



**עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תק"ע אִיז גֶעשֶׁען גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג מִיט אֵיינֶעם פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס חֲסִידִים וָועלְכֶער הָאט מִיט גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט גֶעטוּן אַלֶע הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, טְרָאץ זַיין גְרוֹיס אָרִימְקַייט אוּן שְׁוֶועריִקַייט.**

אִין שְׁטָאט טְשֶׁערִין דָארְט וואוּ דֶער רָב פוּנֶעם שְׁטָאט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסֶע חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע טֵייל פוּן דִי חֲסִידִישֶׁע אִידְן פוּנֶעם שְׁטָאט גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפִינֶען אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים ר' אַבָּא הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שׁוֹחֵט פוּנֶעם שְׁטָאט, אוּן נִישְׁט וַוייט פוּן אִים הָאט גֶעווּאוֹינְט זַיין זוּן ר' שְׁמוּאֵל וָועלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ פַּייעֶרְדִיגֶער חָסִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע יָאר פְּלֶעגְן זִיךְ דִי חֲסִידִים צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיסְנוּצְנְדִיג דֶער הֵיילִיגֶער וֶועג אוֹיף וָועלְכֶע דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְטְשְׁט זִיךְ צוּ זֶען אִיר לִיכְטִיגְקַייט, אָבֶּער דָאס יָאר הָאט זִיךְ ר' אַבָּא מִיט זַיין זוּן ר' שְׁמוּאֵל פַּארְזוּימְט עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ פָארְן אַזוֹי פְרִי מִיט דִי דָארְטִיגֶע חֲסִידִים וָועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם רֶבִּי'ן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה יָאר תק"ע אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג, דִי וֶועג פוּן טְשֶׁערִין קֵיין בְּרֶסְלֶב אִיז זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע וֶועג, דֶערִיבֶּער הָאט ר' אַבָּא מִיט זַיין זוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קֵיין אוּמַאן נָאךְ פַאר שַׁבָּת דַארְפְנְדִיג פָארְן דִי שְׁטֶעט פוּן אוּמַאן, טֶעפְּלִיק הֵייסִין אוּן נָאךְ דֶערְפֶער, בִּיזְן צִיל דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעווּאוֹינְט.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּגֶעאֵיילְט צוּ דִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זֵייעֶר לַאנְגֶע וֶועג, גְלַייךְ הָאט זִיךְ פַאר זֵיי גֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין גָאר שְׁטַארְקֶע רֶעגְנְס אוּן ס'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא גֶעפַארְפוּלֶע רַייזֶע, אִין אַזֶעלְכֶע וֶועטֶערְס וֶוען דִי וֶועגְן זֶענֶען אָנְגֶעפוּלְט מִיט בְּלָאטֶעס אוּן רֶעגְן וַואסֶער וָואס מַאכְט גָאר שְׁוֶוער פַאר דִי פֶערְד צוּ קֶענֶען שְׁלֶעפְּן דִי וֶועגֶענֶער.

ר׳ אַבָּא אִיז פָּארְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד אוּן גִיט נִישְׁט אוֹיף, עֶר הָאט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַרוּמְגֶעזוּכְט אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס זָאל זַיין גְרֵייט צוּ מַאכְן אַזַא נְסִיעָה פַאר אִים. אָבֶער אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעעֶנְפֶערְט אוֹיף צוּרִיק: מִיט קֶענֶען זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא רַייזֶע אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי תְּפִלּוֹת פוּן ר׳ אַבָּא אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם רַייזֶע, אָבֶער פַאר אַ גָאר טֵייעֶרְן פְּרַייז וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרַייצְן רֶענְדְלֶעך, דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע, אוּן אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם פֶּעטְן פְּרַייז נֶעמְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּנְטֶער אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען בַּאצַייטְנְס אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

ר׳ אַבָּא הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נִיטְאַמָאל גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַ קְלֵיין סְכוּם פוּן דֶער דֶערְמַאנְטְן סְכוּם, הָאט עֶר גֶעשְׁלָאסְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט מִיטְן בַּעַל עֲגָלָה, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין עֶר מוּז אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועלְכֶע פְּרַייז עֶס רֶעדְט זִיךְ. ר׳ אַבָּא מִיטְן זוּן גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם טַאטְן אִין הִימְל זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר לַאנְגֶער וֶועג, פָארְנְדִיג אוֹיפְן וֶועג אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען גָאר אַסַאךְ שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען פוּן דִי שְׁוֶוערֶע בְּלָאטֶעס, אוּן זַייעֶנְדִיג אַזוֹיפִיל שָׁעָה׳ן אוֹיפְן וֶועג זֶענֶען זֵיי נָאךְ אַלְץ גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּן בְּרֶסְלֶב.

**ווָאוּ דַאוְונְט מֶען זְכוֹר בְּרִית?**

דִי סְלִיחוֹת פוּן זְכוֹר בְּרִית הָאבְּן זֵיי בְּלֵית בְּרֵירָה גֶעזָאגְט אוֹיפְן וָואגְן בִּיחִידוּת, הֶערְשְׁט נָאכְמִיטָאג צַייט זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין הֵייסִין, נָאךְ אַלְץ אַ גוּט שְׁטִיק וֶועג צוּ פָארְן בִּיז בְּרֶסְלֶב. זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן בַּאנוּמֶען מִיט זָארְגְן וֶוער וֵוייסְט צוּ זֵיי וֶועלְן בִּכְלַל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף יוֹם טוֹב? נָאכְן פָארְן נָאךְ אַ שְׁטִיק וֶועג הָאבְּן זֵיי זִיךְ אֵיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל צוּאֵיילְן דִי פֶערְד וָואס שְׁנֶעלֶער, דֶער בַּעַל עֲגָלָה גִיט אַ שְׁמִיץ פַאר דִי פֶערְד "קִינְדֶערְלֶעךְ לוֹיפְט צוּם רֶבִּי׳ן!" אוּן דַאן אִיז עֶפֶּעס ווָאוּנְדֶערְלִיךְ גֶעשֶׁען. דִי פֶערְד הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען לוֹיפְן מִיט אַ שְׁנֶעלְקַייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע דוּרְכְגֶעשְׁנִיטְן גַאנְצֶע קִילָאמֶעטֶערְס וִוי זֵיי וָואלְטְן גֶעפְלוֹיגְן מִיט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, אוּן פַארְן זוּן אוּנְטֶערְגַאנְג הָאבְּן זֵיי שׁוֹין בְּנִיסֵי נִסִּים דֶערְגְרַייכְט דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

עֶנְדְלִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִין רֶבִּי׳נְס שְׁטָאט, דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶוענְדְ זִיךְ יֶעצְט צוּ ר׳ אַבָּא עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם שְׁוֶוערְן נְסִיעָה, ר׳ אַבָּא זֶעט זִיךְ אִין גָאר אַ גְרוֹיסְן פַארְגֶעלֶעגְנְהַייט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף זִיךְ צוּ בַּאצָאלְן דֶעם קוּטְשֶׁער, אֲפִילוּ אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוֹיךְ נִישְׁט, זַיין בִּיסְל הָאבּ אוּן גוּטְס וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוֹיפְן וָואגְן בַּאטְרֶעפְט גָאר וֵויינִיג צוּ קֶענֶען דֶעקְן אַזַא טֵייעֶרְן פְּרַייז, וָואס קֶען עֶר יֶעצְט טוּן?

עֶר כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גָאר אַ

טַייעֶרְן גָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ שֶׁענְקֶען פַארְן רֶבִּי'ן אַלס מַתָּנָה, בְּלִית בְּרֵירָה הָאט עֶר דֶעם בֶּעכֶער מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע חֲפֵצִים וָואס הָאט בַּאטְרָאפְן דִי גַאנְצֶע סְכוּם, אוּן דָאס אַלֶעס מִיט גְרוֹיס צַעַר אוּן וֵוייטָאג אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַארְן בַּעַל עֲגָלָה. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין רֶבִּי'נְס שׁוּל הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיי מִנְחָה פוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב, אוּן ר' אַבָּא הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְן רֶבִּי'ן וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בַּיי תְּפִלַּת עַרְבִית פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט גָאר לַאנְג מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען דִי שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, בַּיי תְּפִלַּת עַרְבִית פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פִירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן פּוֹעֶלְט פַאר זֵיי אַ גוּט יָאר. אַלֶע חֲסִידִים הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעדַאוֶונְט אוּן זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה אַלֶע זֶענֶען אַהֵיים אִין זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער צוּ מַאכְן קִדּוּשׁ אוּן עֶסְן סְעוּדַּת יו"ט. נָאכְן סְעוּדָּה וֶוען דֶעם רֶבִּי'נְס לַייט זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, הָאט מֶען נָאךְ אַלץ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר'דְבֵקוּת'ט. גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס דַאוֶונֶען אִיז דֶער צִבּוּר אַרִיבֶּער זִיךְ ווּאוּנְטְשְׁן "אַ גוּט יָאר" אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט בַּיים טִישׁ, עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ יִרְאָה אִין דִי לוּפְט אַ פַּחַד פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ אוֹיפְהֵייבְּן דָאס פָּנִים.

"אַבָּא! דֶערְצֵייל מִיר נָאר דַיין נְסִיעָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט!" הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶערוּפְן, אָבֶּער ר' אַבָּא טְרֵייסְלְט פַאר פַּחַד עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט פוּן יִרְאָה אוּן בּוּשָׁה. אַבָּא! הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דֶערְצֵייל! ר' אַבָּא פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג, דִי מִיטְמַאכֶענִישְׁן אוֹיף דִי וֶועגְן, אוּן מִיט אַ גֶעוֵויין דֶערְצֵיילְט עֶר וֶועגְן דֶעם גָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַארְן בַּעַל עֲגָלָה אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל דָאס גֶעבְּן פַאר'ן רֶבִּי'ן בְּמַתָּנָה.



דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט דִי וֶוערְטֶער "מִיט וָואס קֶען אִיךְ דִיר דַאנְקְן פַאר דַיין נְסִיעָה? פַאר מַיין בֶּעכֶער וֶועל אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם בַּעַל דָּבָר דִי צֵיין מִיט דִי אוֹיגְן, דוּ אַבָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי דִיר צוּ בַּאצָאלְן אוּן דַיין זוּן שְׁמוּאֵל, נֶעם דִיר אַבִּיסְל יוֹךְ! דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעגֶעבְּן פַאר ר' שְׁמוּאֵל אַבִּיסְל זוּפּ פוּן זַיין טֶעלֶער.

אַהֵיים קוּמֶענְדִיג פוּנֶעם יוֹם טוֹב צוּם שְׁטָאט טְשֶׁערִין אִיז ר' אַבָּא נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער זוּן ר' שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערָאכְטְן, אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אוּן אַלֶע הָאבְּן דַאן פַארְשְׁטַאנֶען דִי בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי זוּפּ, אוּן מִיט דֶעם אִים מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת.

## דער רבי האט געזאגט איך וואונטש זיך צו זען די ליכטיגקייט פון די וועגן, וועלכע לענדער איבער דער וועלט וועט ליכטיג ווערן דאס יאר ערב ראש השנה תשפ"ד?

*טרעף אין די קעסטל רעטעניש די אלע לענדער וואו אידן וועלן דורכפארן דאס יאר אויפן וועג צום רבי'ן*

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ק | א | ט | י | ז | ד | ע | נ | מ | א | ר | ק |
| י | ב | ו | ל | ג | א | ר | י | ע | מ | ק | ס | ד |
| ל | מ | נ | ח | ת | ד | ג | ר | י | כ | ל | א | נ |
| א | ע | ג | ג | ר | ת | ח | ב | י | ד | ד | ל | א |
| ר | ק | א | ת | נ | ח | ר | ת | ק | נ | ד | כ | ל |
| ט | ס | ר | ה | ת | א | ע | פ | א | ל | פ | ע | ש |
| ס | י | י | מ | ז | י | ה | ל | ו | א | ר | נ | ט |
| ו | ק | נ | י | ג | ק | א | י | ו | ג | א | ג | י |
| א | א | ל | ל | ז | ה | ע | ד | א | ו | נ | ל | י |
| ר | ג | ע | נ | ט | י | נ | א | ל | ט | ק | א | ד |
| ה | ב | י | פ | נ | א | י | ק | ס | ר | ר | נ | כ |
| ה | ו | ע | ע | ב | ד | ל | א | כ | א | י | ד | ש |
| ו | ט | מ | י | ט | ג | ו | נ | ע | פ | י | ב | ת |
| פ | א | נ | י | ע | צ | פ | א | ש | ס | כ | ע | נ |
| ר | צ | י | ש | ר | א | ל | ד | ט | ל | נ | א | ו |
| מ | ע | ר | י | ק | ע | ט | ע | ר | ק | י | י | מ |

אמעריקע
קאנאדע
אוסטראליע
מעקסיקא
בראזיל
ארץ ישראל
ענגלאנד
פולין
אונגארין

ראמעניע
טשעכסלאוואקיי
ווין (עסטרייך)
בולגאריע
מאלדאווע
טערקיי
דייטשלאנד
פראנקרייך
ארגענטינא

בעלגיע
האלאנד
גריכלאנד
שפאניע
פארטוגאל
איטאליע
דענמארק

# מַעֲשֶׂה א' - פוּן אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ (4)

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. דִי בַּת קֵיסָר מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס. אוּן פְלֶעגִין דָארְט שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר. אוּן הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט אַ פַּאלִיץ.

הָאבִּין דִי פַּאנִיס צוּ אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר צוּ גֵיין צוּ דֶעם פַּאלִיץ הָאט זִי נִיט גִיוָואלְט. זִי הָאט גִיזָאגְט זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיף חֲרָטָה. וָואס זִי אִיז צוּ יֶענֶעם פַּאלִיץ צוּ גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל).

דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַזוֹי וִוי אֵיין קֶענְפִּי אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי צוּ גִיגַאנְגֶען אַהִין. אִיז דָארְט גִיוֶוען צְוֶועלֶעף גַזְלָנִים הָאבִּין דִי גַזְלָנִים גִיוָואלְט זֵיי הַארְגִינֶען. הָאט זִי גִיפְרֶעגְט. וֶוער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְווִישְׁן אֵייךְ.

הָאט מֶען אִיר גְווִיזְן. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס אִיז אַייעֶר טָאן הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט זֵיי זֶענֶען גַזְלָנִים. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גַזְלָנִים נָאר אִיר זֶענְט גַזְלָנִים מִיט אַייעֶר גְבוּרָה אוּן מִיר זֶענֶען גַזְלָנִים מִיט חָכְמָה וָוארִין מִיר זֶענֶען גִילֶערְנְט אִין לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר.

בְּכֵן וָואס וֶועט אִיר גִיוִוינֶען אַז אִיר וֶועט אוּנְז הַארְגֶענֶען בֶּעסֶער נֶעמְט אוּנְז פַאר וַוייבֶּער. אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת אוֹיךְ אוּן הָאט זֵיי גִיוִויזְן וָואס אִין שִׁיף אִיז גִיוֶוען (וָוארִין דִי שִׁיף אִיז דוּךְ גִיוֶוען פוּן דֶעם בֶּן הַסוֹחֵר מִיט זַייעֶר גְרוֹיס עֲשִׁירוּת)

זֶענֶען דִי גַזְלָנִים מְרוּצֶה גִיוָוארִין צוּ אִירֶע רֵייד. הָאבִּין זֵיי דִי גַזְלָנִים אוֹיךְ גִיוְויזְן זַייעֶר עֲשִׁירוּת אוּן הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיפִּירְט אִין אַלֶע זַייעֶרֶע עֶרְטֶער.

אוּן עֶס אִיז גִיבְּלִיבְּן צְווִישְׁן זֵיי. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט נֶעמֶען אַלֶע מִיט אֵיין מָאל. נָאר אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אַז מֶען זָאל אוֹיס קְלוֹיבְּן אִיטְלִיכְן אֵיין פַּאנִי אַזוֹי וִוי עֶס קֶער צוּ אִים אִיטְלִיכְן נָאךְ זַיין גְרוֹיסְקֵייט נָאךְ.

נָאכְדֶעם הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט זַייעֶר גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט אִין דֶער שִׁיף וָואס זִי נִיצְט גָאר דֶעם וַויין נִיט. נָאר דֶער וַויין אִיז בַּיי אִיר בַּאהַאלְטִין. בִּיז גָאט וֶועט אִיר בַּאשֶׁערִין אִיר זִיווּג.

הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן דֶעם וַויין אִין צְוֶועלֶעף בֶּעכֶערְס. אוּן הָאט גִיהֵייסְן. אַז אִיטְלִיכֶער זָאל טְרִינְקֶען צוּ אַלֶע צְוֶועלֶעף. הָאבְּן זֵיי גִיטְרוּנְקֶען אוּן זֶענֶען שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין. אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין.

הָאט זִי זִיךְ אָן גִירוּפִין צוּ דִי אִיבְּרִיקֶע פַּאנִיס הַיינְט גֵייט אוּן קוֹילִיט אִטְלִיכֶע אִיר מַאן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין זֵיי אַלֶע אוֹיס גִיקוֹילִיט. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען זַייעֶר אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת וָואס עֶס גִיפִינְט זִיךְ נִיט בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין נִיט נֶעמֶען קֵין קוּפֶּער אוּן קֵיין זִילְבֶּער נָאר גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאבִּין אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶער שִׁיף זַאכִין וָואס זֶענֶען

נִיט אַזוֹי חָשׁוּב.

און הָאבִּין אָן גִילָאדִין גָאר דִי שִׁיף מִיט טַייעֶרע זַאכִין מִיט גָאלְד און אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיפוּנֶען. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי זָאלִין שׁוֹין נִיט גֵיין אָן גִיטָאן וִוי וַוייבֶּער און הָאבִּין זִיךְ גִינֵייט מַאנְצְבִּילְשֶׁע קְלֵיידֶער דַייטְשׁ און זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף.

וַיְהִי הַיּוֹם און עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֶּן יָחִיד. און עֶר הָאט אִים חַתוּנָה גִימַאכְט. און הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה. אַמָאל הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם פָּאטֶער. עֶר ווִיל גֵיין זִיךְ שְׁפַּאצִירִין מִיט זַיין וַוייבּ אוֹיף דֶעם יַם. כְּדֵי זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם. טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפִין אוֹיף דֶעם יַם. (דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיוָואלְט אַז זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם)

אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ און מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. און הָאבִּין זִיךְ גִילָאזְט אוֹיף אַ שִׁיף און זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען און הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר גִישְׁטִיפְּט. דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט זֵיי זָאלִין אַלֶע אוֹיס טוּן זֵייעֶרע קְלֵיידֶער. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. און עֶס אִיז אוֹיף זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבֶּען נָאר דָאס הֶעמְד.

און הָאבִּין זִיךְ גִיפְּרוּבְט אִיטְלִיכֶער וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיף חַאפִּין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרוֹיף גִירִיסִין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. דֶער וַוייל אִיז דִי בַּת קֵיסָר הַנַ"ל אָן גִיקוּמֶען מִיט אִיר שִׁיף און זִי הָאט גִיזֶעהְן דִי שִׁיף (פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה)

הָאט זִי אִין דֶער תְּחִילָה מוֹרָא גִיהַאט צוּ צוּגֵיין. דֶער נָאךְ אִיז זִי גִיקוּמֶען נָאעֶנְט אַבִּיסְל הָאט זִי גִיזֶעהְן אַז זֵיי שְׁטִיפִין זֵייעֶר הָאט זִי פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין גַזְלָנִים. הָאט זִי אָן גִיהוֹיבִּין צוּ צוּ גֵיין נֶענְטֶער. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפִין דִי בַּת קֵיסָר צוּ אִירֶע מֶענְשִׁין אִיךְ קֶען אַרָאפּ וַוארְפִין דֶעם פְלִיחַ אִין יַם אַרַיין (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִירִיסְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים)

וָוארִין דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ פְּלִיחַ אוֹיף דֶעם קָאפּ. הָאבִּין זֵיי צוּ אִיר גִיזָאגְט ווִי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ מִיר זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט פוּן זֵיי. הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט זִי הָאט אַ בְּרֶען בְּרִיל און דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִי אִים אַרָאפּ וַוארְפִין.

און זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זִי וֶועט אִים נִיט אַרָאפּ וַוארְפִין בִּיז עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען (הֶעט אַרוֹיף) אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ פוּן דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. וָוארִין כָּל זְמַן עֶר אִיז אִין מִיטִין. אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין דֶעם שִׁיף אַרַיין. אָבֶּער אַז עֶר וֶועט אַרוֹיף אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין יַם אַרַיין.

הָאט זִי גִיוַוארְט בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִי גִינוּמֶען דִי בְּרֶען בְּרִיל און הָאט זִי גִיהַאלְטְן אַקֶעגִין זַיין מוֹחַ בִּיז עֶס הָאט אִים גִיבְּרִיט אִין מוֹחַ. אִיז עֶר אַרָאפּ גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין.



# דעם רבינ'ס משלים

**הַמְשֵׁך:** דער דימאנט איז אריין אין טיפן וואסער און ...

וִוי נָאר דֶער מֶענְטְש וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין שְׁלָאף, טַאפְּט עֶר אַרוּם זַיינֶע טַאשְׁן און אוֹיף אַלֶעס אַרוּם, אָבֶער... עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט דֶעם שְׁטֵיין... עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אַז עֶס הָאט עֶס פַארְגֶעסְן אוֹיפְן טִישׁ בַּיים עֶסְן.

"בַּאדִינֶערְס!!" שְׁרַייט עֶר אוֹיס מִיט נִישְׁט זַיין אֵייגֶענֶעם קוֹל: "וואוּ הָאסְטוּ אַריינְגֶעוָוארְפְן אַלֶע שְׁמוּץ, דִי שִׁירַיִם פוּן מַיין סְעוּדָה?!"

"וָואס הֵייסְט וואוּ? אִין יַם אַרַיין!" עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּאדִינֶער!

עֶר הָאט שוֹין גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת לִיגְט טִיף אִין יַם! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן זַיין גְרוֹיס פְרֵייד וָואס עֶר הָאט בִּיזְט יֶעצְט גֶעהַאט הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אֵיין גְרוֹיסְן טְרוֹיעֶר. עֶר שְׁטֵייט עֶרְשְׁטוֹינְט און דֶערְצִיטֶערְט עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ לֵייגְן זַיין קוֹמֶענְדִיגְן טְרִיט, פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִיטְן שְׁטֵיינְדְל מִיטְשְׁווִימֶען אַרַיין אִין וַואסֶער צוּ בְּלַייבְּן דָארְט פַאר אֵייבִּיג...

"פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט צוּ צָאלְן פַארְן קַאפִּיטַאן?" טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ שְׁטִיל. אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען און זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, עֶר מַאכְט בַּיי זִיךְ אַ שְׁנֶעלְן חֶשְׁבּוֹן: "דֶער קַאפִּיטַאן וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס ס'הָאט פַּאסִירְט, אִיךְ וֶועלְן זִיךְ מַאכְן גְלַייכְגִילְטִיג, מִיט אַ בְּלֶעכֶענֶעם פָּנִים, לָאמִיר זֶען וָואס וֶועט זִיךְ אוֹיסְקָאכְן".

דֶער קַאפִּיטַאן הָאט וִוי בִּיז יֶעצְט אִים וַוייטֶער בַּאזוּכְט און גֶעשְׁמַאק פַארְבְּרֶענְגְט, פַארְן קַאפִּיטַאן הָאט עֶר גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן קַיין צֵייכְן פוּן זָארְג אָדֶער אוּמְרוּאִיגְקַייט וֶועגְן דֶעם פַארְלוֹירֶענֶעם דִימַאנְט.

אֵיין טָאג קוּמְט דֶעם קַאפִּיטַאן מִיט אַזַא פָארְשְׁלָאג: "אִין דֶעם מְדִינָה וואוּ דוּ פָארְסְט קֶען מֶען קוֹיפְן וַוייץ פַאר אַ שְׁפָּאט בִּילִיגֶע פְּרַייז, און פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. אִיךְ, זָאגְט דֶער קַאפִּיטַאן





# דעם רבינ'ס משלים

קֶען אָבֶּער נִישְׁט קוֹיפְן וֵוייץ וַוייל אַז דִי קֶענִיגְרֵייךְ וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעלְט וֶועלְן זֵיי מִיר חוֹשֵׁד זַיין אַלְס אַ גַנָב. אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט אַיינְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה אוֹיף דַיין נָאמֶען אוּן כְ'וֶועל דִיר גוּט בַּאצָאלְן".

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גְלַייךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס, אַז עֶר וֶועט הָאבְּן צוּ צָאלְן זַיין חוֹב פַארְן קַאפִּיטַאן, פַאר דִי טַייעֶרֶע בִּילֶעט, דָאס עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן אִין אַזַא טַייעֶרֶע צִימֶער. דֶער קַאפִּיטַאן הָאט לְמַעֲשֶׂה אַזוֹי גֶעטוּן, וִוי נָאר זֵיי דֶערְגְרֵייכְן דֶעם פָּארְט אִין לָאנְדָאן אִיז דֶער קַאפִּיטַאן גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן אִיז פַארְבְּלִיבְּן בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ. דִי וֶוערְד פוּן דִי פַארְדִינְסְט אִיז גֶעוֶוען מֶער פוּן דָאפְּלְט פוּן דִי וֶוערְד פוּן דֶעם דִימַאנְט!

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן: "דֶער דִימַאנְט הָאט נִישְׁט בַּאלַאנְגְט פַארְן אָרִימַאן, וְהָא רְאָיָה אַז עֶר הָאט עֶס פַארְלוֹירְן. דִי תְּבוּאָה אִיז יָא גֶעוֶוען זַיינְס וְהָא רְאָיָה עֶס אִיז פַארְבְּלִיבְּן בַּיי אִים, דָאס וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן". דִי תְּבוּאָה פוּנֶעם קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהַאט שַׁייכוּת צוּם אָרִימַאן וֶועגְן פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַזוֹי גֶעדְרֵייט אַז זָאל קוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

אוֹיךְ לִיגְט דָא אַ מוּסָר-הַשֵּׂכֶל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז לֶערְנֶען, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ זוּכְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַז מֶען טְרֶעפְט נָאר בְּלָאטֶע אוּן זַאמְד, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר וַוייטֶער גְרָאבְּן אוּן זוּכְן, צוּ סוֹף וֶועט מֶען טְרֶעפְן דֶעם טַייעֶרְן דִימַאנְט. "מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, אוּן בַּיים עֶנְדֶע טְרֶעפְט מֶען!"



# עס בענקט

עֶס קוּמֶען שוֹין דִי טֶעג,
אוֹיף דִי לֶעכְטִיגֶע װעג,
צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, בַּיים רֶבִּין צוּ זַיין,
צוּם הֵיילִיגְן אָרְט
נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סָארְט
בַּיים רֶבִּי'ן דֶער רֹאשׁ, דֶער צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ,

פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין, עֶס לוֹינְט
שוֹין אַ חָסִיד צוּ זַיין
פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין אִיז כְּדַאי אַ
חָסִיד צוּ זַיין

דִי קַאפִּיטְלֶעךְ צֶען, דֶעם צִיּוּן צוּ זֶען,
מִיט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה גֶעבְּן דֶערְבַּיי,
דֶער רֶבִּי טוּט זִיךְ מִיעֶן,
בַּיי דִי פֵּאוֹת אַרוֹיסְצִיעֶן,
פוּן אַלֶע זִינְד אַרוֹיסְגֵיין פְרֵיי,

פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין עֶס בֶּענְקְט
שוֹין קַיין אוּמַאן צוּ גֵיין,
פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין בַּיים רֶבִּין'ס
קִיבּוּץ צוּ זַיין,

הַמֶּלֶךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן
דָאס מַלְכוּת צוּ בַּאנַייעֶן
אַלֶע תְּפִלּוֹת זַיי גֵייעֶן, עַד לֵב הַשָּׁמַיִם,
צוּזַאמֶען װִי בְּרוּדֶער,
עֶס מַאכְט דָארְט אַ גְרוּדֶער,
כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִינְאֵיינֶעם װִי אַמָאל,

פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין עֶס בֶּענְקְט
שוֹין קַיין אוּמַאן צוּ גֵיין,
פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין בַּיים רֶבִּין'ס
קִיבּוּץ צוּ זַיין,

בַּיים רֹאשׁ פוּנֶעם יָאר,
זָאגְט דֶער רֶבִּי קְלָאר,
אַז דֶער טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה,
פוּנֶעם בּוֹרֵא אַ מַתָּנָה,
דָאס הָאט עֶר בַּאקוּמֶען,
אוֹיף זִיךְ דָאס גֶענוּמֶען,
נְשָׁמוֹת װָאס זֶענֶען פַארְלוֹירְן,
װֶערְן נַיי גֶעבּוֹירְן,

בַּיים קְוַואל דֶעם רֵיינֶער נָהָר, מִיר װֶערְן
אִינְגַאנְצְן טָהוֹר,
בַּאשֶׁעפֶער אַ תְּפִלָּה קְלָאר, צוּ פָארְן
צוּם רֶבִּין דָאס יָאר

דָאס הַארְץ בֶּענְקְט פוּן טוֹיזְנְטֶער מַייל
צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן קְוַואל
בַּאשֶׁעפֶער אַ הֵייסֶע תְּפִלָּה מֶען בֶּעט
מִיר גְלֵייבְּן ס'אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט

פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין דַארְפְן מִיר
גָאר פְרֵיילִיךְ זַיין
פַארְדֶעם פַארְדֶעם אַלֵיין קֵיינֶער טָאר
נִישְׁט פֶעלְן, נַיין.



שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייסֶער (4)

**א. וויפיל גזלנים האבן די בת קיסר און די פאנעס געטראפן אויפ'ן ים?**
- ☐ צוועלעף
- ☐ צען
- ☐ עלעף

**ב. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר די גזלנים?**
- ☐ ענק זענען גזלנים מיט גבורה
- ☐ אונז זענען גזלנים מיט חכמה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האבן זיי געטון נאכדעם וואס די גזלנים זענען געווארן שיכור און איינגעשלאפן?**
- ☐ זיי זענען אנטלאפן מיט די שיף
- ☐ זיי האבן זיי אלע אויסגעקוילט
- ☐ זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון

**ד. וועלכע בגדים האבן זיי נאכדעם אנגעטון?**
- ☐ קליידער פון צרפת
- ☐ קעניגליכע קליידער
- ☐ מאנסבילשע קליידער דייטש

**ה. אינמיטן די מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וויפיל קינדער האט דער מלך געהאט?**
- ☐ א בן יחיד
- ☐ זעקס זון
- ☐ ער האט בכלל נישט געהאט קיין קינדער

**ו. וואס האט דער מלך געטון פאר זיין זון?**
- ☐ ער האט אים קודם אפגעגעבן די מלוכה און נאכדעם אים חתונה געמאכט
- ☐ ער האט אים קודם חתונה געמאכט און נאכדעם אפגעגעבן די מלוכה
- ☐ ער האט אים נאר איבערגעגעבן די מלוכה

**ז. וואס איז די סיבה וואס דער בן מלך האט געזאגט - אז ווען דעם, וויל ער גיין אויפ'ן ים**
- ☐ כדי ז' זאל זיין געוואוינט צו דער לופט פון דער ים
- ☐ ווייל אפשר וועט מען אמאל דארפן אנטלויפן אין ים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וועלכע הארר האט דער בן מלך געהאט אויפ'ן קאפ?**
- ☐ שווארצע
- ☐ ווייסע
- ☐ ער האט געהאט א פליה

**ט. וויאזוי האט די בת קיסר ארייגעווארפן דעם בן מלך אין ים?**
- ☐ דורך כישוף
- ☐ ז' האט אויף אים געווארפן א שטיין
- ☐ דורך א ברען בריל

**י. ווען האט ז' געמאכט ער זאל ארייינפאלן אין ים?**
- ☐ גלייך ווען ער האט אנגעהויבן ארויף גיין אויף די זעגל בוים
- ☐ ווען ער איז געווען אינמיטן זעגל בוים
- ☐ ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שפיץ זעגל בוים

טיפער געטראכט



**יא. ווער איז געווען א גרעסערער עושר, די בת קיסר אדער דער מלך וואס האט געבויט פאלאצין אויפן ים?!**

## דער געווינער אויף מלך און קייסער 3
## איז הילד החשוב מרדכי רוזנבלט, בית שמש, טעלעפאן **0157

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און ארייינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

**הגליון נתנדב ע״י**

~~

**הר״ר שלמה זלמן בערגער הי״ו**
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

~~

**הר״ר לוי יצחק הערשקאוויטש הי״ו**
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

~~

**הר״ר שמואל מאיר אנשין הי״ו**
**לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות**

~~

**הר״ר ישראל יצחק קעניג הי״ו**
**לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות**

